1 -ה

ה י י ! - אינט. ----> העי!

ה י׳ - ←------ הא׳.

ה יי – דאס/די, ־עך (זך). דאס אפגעשניטענע און אויס־
געטריקנטע גראז פון א לאנקע, געניצט ווי פאשע (שפייז)
פאר פערד, בהמות.

% שניידן, קאסען היי. דער שייער איז פול מיט פריש,
שמעקעדיק היי. געבן די פערד היי צו עסן. א בטויג היי.

1873 " נעבן מיין קליאטשע איז נישטא קיין לעק היי,
זי האט עס אין גאנצן אויפגעגעסן, ניט איבערגעלאזט אפילו 24
א בלעטל".
מענדעלע, 1, 21.

1920 " ארויס איז דער זיידע פאר טאג צום געמויזעכץ דאס
היי אראפקאסיען".
קולבאק, 4, 38.

1937 " |...| שמעקט ווי א גערטל// און מיט בלאלעכע ריות
פון הייען". 26
סוצקעווער, 3, 115.

1948 " |...| געהייסן אפפירן האט ער דאס פערד //

26 און אונטערוואַרפן דאָרט אַ ביסל היי אים".

מאַרקיש, 9, 69.

ד/ גראַנדאַוועַ היי - בנב. |סטוטש 258|.

(?נ?) אַ וואַגן היי זאָל פֿון דיר ווערן און ציגן זאָלן דיך פֿרעסן!"

- שפּאַסיקע קללה.

הוואַ. מה"ד:

... " עס ווירט די ליגן נוי// אז דש בויטר |=פּיטער|

27 בור פערדא אונ' דש הוואַ".

מגילה מינכן, דף מ/105/א.

<u>היי בלומין</u>.[0]

1726 " (צו איין קרייטר באד) נעם |...| האבר קומעל אונ׳
רייך בלימליךשלייאיך בלוט אונ׳ דש גריזליך וואש אונטר דעם
<u>הייא</u> איזט נעמליך הייא בלומין, דש אליז וואול
גיזאטין איך פליסיג וואשר |...|".
סגולות ורפואות, <u>ז"ז</u>, דף כ"ד.

<u>רעד:</u> אפשר מיינט מען דא ניט "היי"?

ה יי = א נ ל אָ ד ע ר - דער, =ס. מאשין צו לאדן היי
|סטוטש 251|.

הייאסטמע - <u>די, בא.</u> (<u>מעד</u>) אלערגיע=גראנקייט,

<u>געניער בנב.</u>

ה יי ב – <u>דער, בא.</u> <u>ווס פון הייבן,</u> ס'רוב געניצט

צו שאפן דעם מאמענטאלן אספעקט פון ווערב:

<u>געבן א הייב,</u> <u>טאן א הייב.</u>

% דער טרעגער <u>טוט א הייב</u> דעם זאק מעל. דער ספארטעלער

האט <u>געגעבן א הייב</u> די געוויכטער.

1970 " מיט א מאל <u>גיט</u> משה <u>א הייב</u> מיט דער גאנצער

קראפט דעם קילאף |...| און א לאז אראפ אויפן קאפ 70/1

פון ס"ס=מאן!".

<u>ר. לאכמאן, יזבל, 329.</u>

ה יַי ב אָ ל - <u>דער, =ס.</u> (<u>אמ</u>) א גרויסע גלאז בראנפן

געמישט מיט וואסער און אייז.

ה יי ב אַ ם - די, =ען.

1. פּפּ: הויבאם |?|,הייבין, הייבאמע |?|. א פרוי וואס
האט זיך פארנומען מיט ביידיין און העלפן קימפעטארינס
ביים געבוירן א קינד.

% די הייבאם נעמט אפ דאס נייע געבוירענע קינד.
דאס ווייבל גייט שוין צו קינד, דארף מען רופן די
הייבאם.

1872 "דא זאגט די הייבין צו רח, פארכט זיך נישט,
פֿארכט זיך נישט, דו וועסט האבן איין זון". 105
צאינה וראינה, 3, פרשה וישלח.

1888 " די אלטע הייבאם |טעקסט:הויבין|, זלאטקע די
באבע, ווייסט פיל מערער ווי דער גרעסטער אקושאר=דאקטער, 85
זי נעמט ארוים |...| די קינד פון קויך ניט ח"ו מיט
סטרומענטן, פע!".
שאצקעס, 2, 171.

1910 " |...| אז קורעטשקאס ווייב |...| גייט צו קינד |...|

87 איז 'לאכמאנקע' ביי איר די 'הויבאם'".

שלום=עליכם, 34, 165.

1936 " |...| א הייבאמע קען בלויז אפנעמען ס'קינד

80 ביי א יער פרוי".

נאדיר, 10, 229.

1938 " מיין מאמע איז געגאנגען שווער צו קינד,|...|

96 געווארפן א בעטנדיקן בליק אויף דער הייבאם סאסיע=דבורה,

א יידענע מיט געשוואלענע הענט |...|".

מאנגער, 2, 144.

1941 "און דער מלך פון מצרים האט גערעדט צו די יידישע

הייבינס |...|".

תרגום יהואש, שמות, א - ט"ו.

1973 " שרה די ׳באבע׳ - די הייבאם, אקושערקע - ווי

77 מע פלעגט דאס שפעטער אויך ביי אונדז אין שטעטל רופן".

בלומענטאל, 1, 147.

רעד: ספעציעל געגעבן מער ציטאטן צוליב די פארשידענע פארמעס!

2. (פיג) עמעץ וואס געפינט זיך און העלפט ביים אויפקומען, ביים געבוירן ווערן פון עפעס.

1919 " די יידישע פרוי איז געווען די הייבאם|טעקסט:הויבאם|.

97 און די אם פון דער ליטעראטור אויף יידיש".

ניגער, 2, 21.

/7 היטן ווי די הייבאם דאס קינד - שטארק, זארגעוודיק היטן.

מע דארף אים/זי שיקן נאך דער הייבאם - (איר) וועגן אן אומרירעוודיקן מענטשן, אפאוואליעדיקן טוער (געמיינט אז נאר אזוי ארום וועט ער זיך צואיילן, כדי זי זאל נישט קומען לאחר המעשה).

ם

הייבאם.

------> 1.

1679 " אונ׳ דער קיניג אין מצרים שפראך צו דען העברייאשן היבאמין".

בליץ, שמות, א - ט"ו.

1762 "מן מאג איין פרויא העלפן איין קינד גווינגן אן
86 שבת, און מן מאג גין איין שטאט אין דיא אנדרי
אום פר איר איין היבאם צו רופן".

תקוני שבת, דף פ"ח.

ה יי ב אָ פּ ע ר - דער, =ס. א קרבן וואס א זינדיקער

האט געדארפט ברענגען. |קרבן עולה.

|קרבן עולה, ויקרא, ה - ז|.

ה יי ב ב אָ ק – דער, ~ בעט. איינריכטונג אויפצוהייבן

שווערע זאכן אויף א רעלאטיוו קליינער הייך.

|פינקעל, 17|.

## ה יי ב ב ר י ק – <u>דער/די, =ן.</u>

1. א בריק איבער א טייך וואס איז געבויט אזוי מע זאל אים קענען טיילווייז אדער אין גאנצן אויפהייבן (כדי שיפן זאלן קענען דורכגיין)

1974 " דער פראנצויז זאגט אים, אז ווי נאר עס וועט ליכטיק ווערן, וועט ער קומען אוועקפירן די שיף 255
אונטער א <u>הייבבריק</u>".
<u>עלבערג, 2, 350.</u>

2. (<u>עלט</u>) א בריק אויף קייטן איבער א קאנאל אדער א טיפן גראבן פארן טויער פון אמאליקן ריטערשלאס אדער פעסטונג, דער בריק פלעגט זיין אויפגעהויבן,ווען מ'האט ניט געוואלט אריינלאזן אין שלאס.

17 -ה

ה יי ב ב ר ע ט - די, =ער. דזוו הייבער, ב׳ 2.

|סטוטש 436|.

ה יי ב ד אַ ן - דער,~ דעכער. א דאך וואס מע קאן
אים אויפהייבן און אראפלאזן, א מאל פלעגט מען
אזעלכע דעכער מאכן איבער א סוכה, איצט ס׳רוב וועגן
א באוועגלעכן דאך פון אן אויטא.

ה יי ב ו נ ג - די, =ען.

1. אקט פון הייבן (זיך); דאס הייבן(זיך.

2. (וועגן ריטעם) אקצענט, אינטאנאציע.

... " |...| ממילא איז אויך א חילוק אין דער צאל

233 הייבונגען, וואס איז דער יסוד פון אליידישן משקל".

נ. פרילוצקי, פער 94, נ' XIII- 1 - 2.

1955 " די ארגאניזאציע פון קלאנגען איז אין ריטמישן

231 פראזעווערק געבויט אויף די הייבונגען און פאלונגען

פון די אקצענטן".

ח.ש. קאזדאן, פער 90, נ' XV - 2, ז' 37.

3. (עלט) דערהייבונג, דערהויבנקייט.

1886 " |...| כבודי האסט מיר צוריקגעגעבן מיין כבוד,

230 האסט מיר אומגעקערט צו זיין מלוכה, ומרים ראשי,

האסטו מיר געגעבן א הייבונג צו מיין קאפ".
איבז, אנ, תנחומא, שמות, דף 185.

היבונגא.[ם]

... " משאתו - וון זינר היבונגא".

רייכלין 8, תהלים, סב - ה. 234

.........................................................

רעד: איך קארטל איז דא אן אויסטייטש: דערהויבנקייט,

אבער יהואש טייטשט עס "הויכקייט" ווער איז גערעכט.

.........................................................

ה יי ב ור י נ ד ע - די, =ס. דזוו הייבער,

ב"ב און 4.

ה יי ב ו י ד ע ם - <u>דער, =ביידעמער.</u>

1. בוידעם (ס׳רוב אין א שייער) צו האלטן היי אויף ווינטער.

2. (<u>שש</u>) הויכע גאליארקע אין א טעאטער (זייער הויך און
ווייט פון דער בינע).

... " א דאקטאר קריגט צוזאמען מיטן דיפלאם א גרעסערן
זכות אויף עולם=הזה: ער מוז האבן א שענערע דירה, 35
ער קאן נישט גיין אויפן ׳<u>הייבוידעם</u>׳ אין טעאטער |...|".
<u>פרץ, 18, דער 3׳, שטעט און שטעטלעך".</u>

(?נ?) ה יי ב ט - דער, =ער/מצ דז. (עלט) הויפט (געמיינט:קאפ).

1843 " און איין קרוין פון גאלד איין גרוסי האט ער

אויף זיינם קאפף גטראגן דאס איז דיא קרוין וואס 101

טוט רואן אויף דיא הייבט פון דיא צדיקים אויף יענע וועלט".

אהרן מטריבוש, 1, דף כ׳.

הייבט[ם] - הויפט (קאפ). [illegible]
מה"ד:

1610 " אונ׳ ער ווערט געבן דיך גאט צום הייבט אונ׳

ניט צו איינם שווארץ אונ׳ דו ווערשט זיין גייארט 100

צו אום, אונ׳ ניט צו אונטן".

טייט=חומש, דברים, כח - יג.

ה יי ב ט - ------> **הויבט.**

(?נ?) ם
ה יי ב ט - -------> היפט.

ה יי ב יי ד ל - דאס, =עך. בנב.

1974 " צווישן שניי און ווינט איך זיין ווארשעווער

36 הייביידל |...|ווארטן יידן ווען יעקל פראגער וועט

אנהייבן דאס ראש=השנהדיקע דאווענען".

י.י. טרונק, יזב 17, 250.

רעד: מ׳וואלט געדארפט זען א ן בוך א ברייטערן

קאנטעקסט!

(?נ?) ה יי ב י נ ט ל – דאס, =ער. פעקל מיט היי
צונויפגענומען.

ה יי ב = כ ו ח |~ קויער| - דער, בא. (פיזיק)

די פאטענץ פון א געוויסער מאשין (ס'רוב וועגן הייבערס)

אויפצוהייבן א זאך, געמאסטן אין קג/טאנען.

(?ג?) ה יי ב כ יᵐ - דאס. פּקפּ פון הויב.(קאפ צודעק פון פרויען).

1669 " |...| איין תינוק פר זיך גפירט וועלכש איין

110 רוט הייבכי אויף |דעם קאפ| גהעט האט |...|".

מעצער עלילת דם, ז׳ 252.

1728 " |...| איין פאהר שערץ מיט שפיצן, איין האלז

109 שטרעמיל, איין שפיצין הייבכי |...|".

פנקס אה"ו, ז׳ 120.

רעד: כ׳מיין, אז מע דארף דאס ניט - ס׳האט דאך קיין שיעור ניש - מע וואלט געדארפט געבן אלע אלטע פארקלענער=פארמעס פון סובסטאנטיוון!

ה יי ב ל - דאס, =ער.

1. קאפצודעק וואס אמאליקע פרויען נאך דער חתונה האבן געדארפט טראגן.

1818 " |...| און ניט מיט א קליין הייביל וואס זי לייגט
112 אונטר דעם בלעה דער שטעריין זאל זיך ניט אפ רייבין".
איבז אנ. תיקוני שבת.

1884 " |...| אבער ווען זי ווערט א ווייבל, טוט אן
114 אויפן קאפ דאס הייבל, באקומט זי א פנים פון א רוח אדער גאר טאקע ווי צען שווארץ יאר |...|".
אסטראווסקי, 2, 61.

1932 " מחותנתטעס האבן |...| געשאקלט מיט |...| די
129 קאפקעס, שלייערן און הייבלער".
זינגער, 5א, 81.

1944 " אין דער גבירישער קיך טרעט ארײן קריינדל מיט

א לייכט <u>הייבל</u> אויף די שווארצע ברויזיקע |קרויזיקע?| 115

האר".

<u>שניאור, 8, 16.</u>

2. א דין הייטל=הלע וואס דעקט איבער טייל מאל דאס קעפל

פון א קינד ביים געבוירן ווערן(ס'איז געווען א גלייבונג,

אז אזא קינד איז מזלדיק).

1868 " איר האט געקערט אין א <u>הייבל</u> געבוירן ווערן,

נ',וועט איר שוין אויפן ברית זיכער זיין". 130

<u>פער 177, נ' 15, ז' 109.</u>

|1931–1926| " ס'ברעקל האט געפאכט מיט דער נשמה. |...|

די באבעשי האט גערייכערט דער טאכטערס נאפלשנור, 133

|...| און איז געווען זיכער, אז אינעם זכות פונעם

'<u>הייבל</u>' וועט זי ס'נפשל אפשרייען".

<u>אפאטאשו, 14, 35.</u>

3. (רעג מג?) דאס הייטל וואס פארמאכט דאס אויג, אויגן=לעפל.

1927 " |...| נאר ער, ווי פריער, מיט די היילבלעך

111 אויף די אויגן,// ווי א גולם אן א שארך, אן ריר".

מ.ל. האלפערן, 1, 59.

רעד: דא נאך צוויי ציטאטן - אויך פון האלפערן.

4. דין הייטל, הילע איבערגעצויגן אויף געוויסע פרוכטן, ווארצלען, אד"גל.

1922 " די עקן פון אלע ווארצלען, אפילו פון די דינסטע,

122 זיינען באדעקט, ווי מיט פינגערהיטלעך, מיט ווארצל=הייבלעך.

די הייבעלעך באשיצן די צארטע ווארצעקן |...|".

איבן, א. גאלאמב, 2, 101.

1964 "די הײטלעך פֿון װאַקסנדיקע טרויבן זענען
אײַנגעהילט אין אַ נאַטירלעכן דעליקאַטן <u>הײַבל</u>".
<u>י. װאַלאַך, פּער 69, X!/27.</u>

1965 "כ'האָב אָפּגעריסן |...| אַ צװײַגל בעז - // |...|
136 מיטן צװײַגל װעט געשען אַ נס,// די <u>הײַבלעך</u>
װעלן נישט פֿאַלן // און די בלעטלעך װעלן גרינען".
<u>מאַלאַדאָװסקי, 3, 92.</u>

5. איבערדעק, הילע.

1938 "דער שװערער <u>הײַבל</u> פֿון שנײ, װעלכער ליגט
126 אויפֿן דאַך, האָט ניט געלאָזט דער פֿײַער זאָל זיך
אויסברײַטערן".
<u>שניאור, 3.</u>

געבוירן ווערן אין א הייבל - זיין א בר=מזל.

1936 " ער איז געבוירן געווארן אין א הייבל, דער ברודער 118
זיינער".

זינגער, 6, 387.

א ווייבל אין א הייבל - וועגן א רירעוודיקער, ענערגישער פרוי,

שוו: ווי איז דעם ווייבל וואס קומט אהיים צום פאטער אין הייבל
(וועגן א פרוי וואס דען מאן האט פי געגעט אדער פארלאזט).

הייבל.

----> 1.

1707 " דא האבן זיא די הייבליך געוואנט|געוועגדט?|
איף דעם קאפף אנ האלטן זיא אויף".

בראנט שפיגל, 5.

6. בנב.

1713 " |...| אונ׳ דעם (חושן) דען ער |דער כהן| אויף דען

118/2 הערץ טראגט, |...| אונ׳ איין העמד אונ׳ איין מכנסים

אונ׳ איין הוכן הוט אונ׳ איין ליינן גערטל אונ׳ איין

היי‍בל".

מחזור, 1, דף רל"ג.

ה יי ב ל ק ע -. די. =ס. הייבער, ב׳ 2.

|ליפשיץ 1|.

הייבמאשין - <u>די, =עס/=ען.</u> <u>דזוו הייבער, ב׳ 1</u>.

1930 " |...| עס גייט דורך פארביי די הייבמאשין

262 מיטן טויבן".

<u>בערגעלסאן, 12א, 16</u>.

1938 " |...| אינטעלעקטן ווי <u>הייבמאשינען</u> וואס שפילן

262/1 זיך מיט די שווערסטע משאות |...|".

<u>קאראלניק, 1, 52</u>.

ה י י ב מ ו ט ע ר - <u>די, ס.</u> <u>דזוו</u> <u>געבויר=מוטער.</u>

1924 " בעת דער שוואנגערשאפט ווערן די בלוטגעפעסן

שטארק פארגרעסערט און פארצווייגט צוזאמען מיט 141/1

דעם גרעסער ווערן פון דער <u>הייבמוטער</u>".

<u>צ. שאבאד, פער 151, נ' 7.</u>

1930 " פון די אפטע 'אטשיסטקעס' (אבארטן) איז משמעות,

ביי אייך געווארן אן אנצינדונג פון דער <u>הייבמוטער</u>". 141

<u>פער 151, נ' 7.</u>

ה יי ב ע כ ץ - דאס, בא. (איר).

1. דאס הייבן, דאס הייבן שלעכט.

2. פֿלייס,ברען, ענערגיע |אהרו|.

ה יי ב ע נ י ש – דאס, בא. דאס הייבן א סך מאל,

לאנג (אפטער איראניש).

ה יי ב ע ר - דער, =ס.

1. מאשין אויפצוהייבן שווערע זאכן.

% די צעבראכענע מאשין האט מען מיט א הייבער ארויפגעשטעלט אויף א לאסטוואגן. דער הייבער דערלאנגט דעם צימענט און ציגל צו די העכערע שטאקן פון בנין.

1931 " סע קרעכצן שווער די הייבערס און די קראנען// מיט העלדזער קעמלשע אין גראווער ווייט. א שאכטע שרייט". 245/1
ב. אליעווסקי, פער 164, 304.

2. הייבשטאנג - שטאנג פון אייזן אדער דיקן האלץ, גענוצט צום אויפהייבן א שווערע זאך (לויטן פיזיקאלישן פרינציפ פון באלאנסירן א גרעסערן כוח דורך א קלענערן, דורך פארגרעסערן די דיסטאנץ צווישן דעם קלענערן כוח און דעם אנשפארפונקט פון דעם הייבשטאנג
פינקעל, 1, 57.

1927 " פארגלייכט אויך דעם חילוק צווישן דער מוסקול=ארבעט
מיט די הוילע הענט אוןביים אנווענדן א <u>הייבער</u>
ביי |...| עפענען א קאסטן, ארויסשלעפן א צוויאק |...|".
<u>בערלס, 1, 76.</u>

3. (<u>עלט?</u>) א מין רערל אנצוציען ווייך, בראנפן פון
דער פאס (מין סיפאן).
"הייסטו, ביילע גוטן מעד,// נא זשע דיר דעם הייבער//
וועסטו מייגען, ס׳איז שוין שפעט,// צוועלף איז דער זייגער".
<u>פל</u>.

1870 " |...| ער האט זיך פארשטאנען צוצושמייכלען,
פלעגט יעדן מאכן עפעס א פרעזענט, דעם א פיצל קווערטל, 246
דעם א <u>הייבער</u>, דעם א פענדעלע |פענדעלע?|, אלעס מיטן
מייסטערס וויסן".
<u>ארז, פער 177, נ׳ 50, ז׳ 372.</u>

4. ווינדע, ליפט. הייבער=אינסטאלאציע אין א הויז ארויפצוהייבן מענטשן אויף די העכערע שטאקן.

% ער איז ארויף מיטן הייבער אויפן צענטן שטאק פון האטעל.

4 (פיג) סטימול, באוועגקראפט.

1958 " ביי פרוסן איז דער הייבער פון יענער ליידנשאפט, וואס הייבט זי אויף צו פאעטישע הייכן, דער נאציאנאלער מאטיוו". 244

ביקל, 1, 355.

1958 " אויף אויפצוהייבן די יוגנט, |...| דארף מען האבן הייבערס. אונדזערע הייניטיקע ביכער זיינען פאר דעם יונגן דור פארשלאסן". 239

מ. ווייגרייך, פער 169, 222.

5. (שש) "א גנב" |קטוו|.

0 היבער=כוח |~| קויער| - דער, בא. (פיזיק)

דער כוח פון א הייבער, ב׳ 2.

ה יי ב ן - טרוו, פאר געהויבן.

1. ענדערן די פאזיציע פון עפעס/עמעצן (באוועגן, רירן, רוקן, ציען, שלעפן, שטופן) אין דער ריכטונג אויף ארויף, אויף אויבן.

% הייבן א משא. הייבן די הענט אין דער הויך. דער טרעגער הייבט דעם זאק מעל. דער ווינט הייבט דעם זאמד און צעטראגט אים איבער די גאסן. דעם רעדנער האט מען ממש געהויבן אויף די הענט.

1902 " |...| ער טוט אין חלום א הייב מיט גדלות דעם אראפגעלאזטן קאפ, פארגייסט דאס אויסגעדווונערטע 71/1
העלדזעלע |...|".
מענדעלע, 7, 24.

1908 " אין מיטן פון אט דער דאזיקער גראמאדע שטייט

א פאליציסט און הייבט אלע רגע זיין וואלגערהאלץ 71/2

איבער אן אלטן אפגעקראכענעם רעקל".

ראזענפעלד, 4, 201.

1928 " מוניע האט אונטערגעהוסטלט מעשה מאנצביל, געגלאצט

און געהויבן דעם רימען ארום בויך".

קולבאק, פער 23, 594.

1944 " אסמאליגער גיבורים האבן דעם אומגליקלעכן

אויסגעקליבענעם גבאי געהויבן אין דער הויך ביז צון

באלקן פון דער שול |...|".

טרונק, 3, 60.

1968 " די חברה פון ביבליאטעק האט צוריקגעשלאגן אויף

בלינד מיט רציחה |...|. זיי האבן געהויבן שטענדערס,

געהאקט מיט שווערע גמרות איבער די קעפ |...|".

גראדע, 7, 81.

2. (פיג, אפטער אין פאסיוו) א העכערן צי חשיבות,
דעם באטייט, אפשאצן הויך.

% דעם שרייבער האט מען גילויבט און געהויבן אין הימל
אריין פאר זיין לעצטן ווערק.

1864 " |...| ביי איטלעכן אין שטוב בין איך געהויבן
176/1 געווארן פאר מיין בעטריישאפט |...|".
מענדעלע, 12, 120.

... " קיין אומה ולשון איז דארט ניט אזוי געהויבן,
176/2 געהויכט און געקרוינט, ווי דער ייד".
שלום=עליכם, 7א, 250.

1929 " |...| דעם פארצווייפלטן אויפמונטערן און דעם
164 קינסטלער, וואס איז געפאלן ביי זיך, צו הייבן".
בעל=מחשבות, 1, 118.

1944 " אויף דעם קאמף צווישן זיינע זעקס זין וועגן
זיין גאנאד האט ר' ישעיה גענומען אויפן חשבון פון
זיין אויסדערוויילטער שטעלונג און כסדר געהויבן
זיין אייגענעם אנזען |...|".
טרונק, 3, 188.

3. (פיג) העכער, דעם ווערט (אין מאטעריעלן אספעקט).
% הייבן די פרייזן. הייבן די שטייערן.
מ'האט געהויבן די אקציעס אויף דער בערזע.
הייבן די פראדוקציע. הייבן דעם לעבנס=שטאנדארט.
1897 " אונדזערע לייט האבן קיין שכל נישט געהאט מיט
דער גוטער צייט זיך צו באנוצן און הייבן די פרייזן".
פרץ, 17, 190.

4. (פיג) העכערן דעם ווערט (אין גייסטיקן אספעקט)

% הייבן דעם ניווא פון בילדונג.

1965 " א סך עלטערן זענען אויך געווען אומדירעקט

196 תלמידים פון דער שול - אין זינען פון הייבן זייער

גייסטיקן ניווא".

ש. פערדמאן, יזב 13, 287.

5. (ס'רוב אומפערזאניק וועגן געדאנקען, טראכטונגען,

איבערלעבונגען, געפילן).

אויפרודערן, אויפרעגן, באאומרויקן. (ס'רוב אומפערזאניק:

עס הייבט....

% דער כעס הייבט אים פון ארט. עס הייבט אים אזש פון

התפעלות.

1868 " די אלע רייד, ייערע האט עס געהערט אליעזר,

190 ליגנדיק דארט צווישן די ביימער |...| און עס האט אים

געהויבן אײלן ווייט".

דיק, 33, 42.

... " אונדזער בעל=הבית איז - מע זאל דער מעשה גלויבן-//

201 איז ווי ער איז געזעסן, האט אים פון טיש געהויבן,//

אז שטיין איז אים געבליבן אין האלדז דער ערשטער ביסן".

מאני לייב, "ליד פון דעם קלוגן בעל=הבית און א גרעבער".

1957 " דער זקן איז געווען פלינק, רירעוודיק, |...|

161 מען האט געזען, אז די שימחה הייבט אים".

איבז אנ, ליקוטי דיבורים, ז' 242.

**הייבן א האנט** (אויף עמעצן) - פארמעסטן זיך צו שלאגן.

1930 "די מלמדים פלעגן באקומען אן אנזאג, זיי זאלן,

162 אין באצוג צו מיר, נישט הייבן די האנט".

**הייבן א גמילות=חסד** |גמילעס=כעסעד| - לייען ביי עמעצן

געלט, נעמען א גמילות=חסד.

1888 "רב אשר נעמט אויף זיך א זיסע ליכטיקע צורה

168 און לאזט זיך גיין צו רפאלן הייבן ביי אים א גמילות=חסד".

מענדעלע, 3, 323.

**הייבן א מארק** - האבן הצלחה, באזונדערש אין מיסחר.

גוט פארדינען.

**הייבן א הקפה** |האקאפע| - לייען ביי עמעצן געלט, נעמען

א גמילות חסד.

1888 " פאר זיי איז נאך א מעגלעכקייט קומען אהינצו,

154 הייבן א הקפה און מיט דער צייט זאל ביי זיי בלייבן

א מנה=יפה".

מענדעלע, 3, 176.

הייבן א משא (מאסע) - ארבעטן שווער.

הייבן א פולקע - גייך, אוועקגיין.

1926 " א היגטישע פרנסה, זאג איך דיר! - גארנישט, הייב

168/1 הייב א פאלקע".

אפאטאשו, 3, 116.

הייבן א שטעקן - דזוו הייבן א האנט.

1967 " אויסער בוינע |=ווילדע| משוגעים, וואס זיינען

166 מסוגל צו הייבן א שטעקן, האבן זיך נאך געיאוועט

שטילע קנורן, אלע מיט מאדנע איינרעדענישן".

קארפינאוויטש, 1.

היי<u>בן דאס קול</u> |קאָל| - א) רעדן העכער, שטארקער.

ב) ארויסווייזן סימנים פון

אויפרעגונג, כעס.

<u>הייבן די אויגן</u> - א) קוקן אין דער הויך.

ב) (ביי צערעוועץ, שטריקן, וועבן) אויפכאפן דאס אראפגעלאזטע

אייגל (בינדונג צווישן די פעדעם).

1930 " ער האט פאר זיי '<u>געהויבן די אויגן</u>' מיט אן

205 אומדערהערטער געשיקטקייט, געשפאנט די פעדעם".

<u>אש, 11, 190</u>.

<u>הייבן די בליקן</u> - קוקן אין דער הויך.

1948 " און איך ביי מיין ברונעם הייב העכער די בליקן://

153 מע זאגט, אז די שטערן פארטיילן אונדז גליקן".

<u>סעגאלאוויטש, 12, 85</u>.

(?נ?) הייבן די האנט/ די הענט אויף זיך - באגיין זעלבסטמארד.

הייבן די הענט (אין דער הויך) - אונטערגעבן זיך, רעזיגנירן, מוותר זיין.

הייבן די לעפל - (גלש) אוועקגיין אויף גיך, אפטראגן זיך.

1919 "שבר (גאך אווילע): מזיק,ווארף דיך ארויס! -
184/1 מזיק (קוקט אים אן): א קרענק דיר אין קאפ! - שבר: הייב די לעפל!".
בימקא, 1, 17.

הייבן די מערכה|מאראכע| - פארבעסערן דעם מצב, שטארקן דעם אנזען, ראל.

הייבן די נאז - א) ווערן מונטערער, האפערדיקער, אין א בעסערער שטימונג (להיפך צו "אראפלאזן די נאז").
ב) ארויסווייזן גדלות, פארריסנקייט.

<u>הייבן די שטימונג</u> - פריילעך מאכן, דערמונטערן, טרייסטן, גורם זיין א בעסערן מצב=רוח.

<u>הייבן דעם מוט</u> - צוגעבן זיכערקייט, דרייסטקייט, שטארקן.

<u>הייבן דעם קאפ</u> - א) ווערן מונטערער, האפערדיקער, אין א בעסערער שטימונג.
ב) ארויסווייזן שטאלץ, גדלות.

<u>הייבן אויף דרוקעס</u> (עמעצן) - (<u>איר</u>) שטארק לויבן.

<u>הייבן אין מדרגה</u> |מאדרייגע| - (<u>מאטעם</u>) כפלען א צאל אויף זיך אליין אזוי פיל מאל וויפל ס׳גיט אן דער מדרגה=ווייזער".

<u>הייבן אין ראנג</u> - געבן א העכערן ראנג, אמט.

<u>הייבן מיט די אקסלען (מיט די פלייצעס)</u> - זשעסט ארויסצודריקן פארוואונדערונג, ספק, ניט=איינשטימיקייט.

<u>הייבן פיס(לעך)</u> - א) (<u>איר</u>) גיין.

1873 " די אײדעלע פערד |...| פארן זיך א מאל ארויס שפאצירן מיט זייער פריץ, <u>הייבן פיסלעך</u> און שמאלצירן מיט זייער פעט בייכל |...|".

<u>מענדעלע, 1, 24</u>.

ב) אוועקגיין אויף גיך, אנטלויפן, אפטראגן זיך.

1898 " די יידעלעך פון סלאנים, נאווארעדאק |...|, ווען זיי האבן קיין מזל דארט, ויצא יעקב, <u>הייבן זיי פיס</u> נאך באר=שבע |?| און געפינען א ווונדערלעכע הצלחה".

<u>יהודה=לייב מארגענשטערן 2, 46</u>.

<u>הייבן רגלים</u> |ראגלאים| - <u>דזוו דפוו</u>.

<u>ניט הייבן א/קיין האנט/פינגער</u> - ניט טאן גארניט, בטלען, ארומגיין ליידיק, פוסטעפאס.

עס הייבט פון בעט(ארוים) - עס לאזט נישט שלאפן,

עס צווינגט אויפצושטיין (וועגן אן אמרו, געדאנק, געפיל).

1926 "זאנגוולען האט עס געהויבן פון בעט ער האט ניט

190/1 געקאנט הערן וויביילע וויינט".

אפאטאשו, 5, 96.

1943 " לעבעדיקע געדאנקען, וואס לאזן אים ניט רוען

182 און הייבן אים תמיד פאר פרי פון בעט ארוים".

נסתר, 5, 40.

עס הייבט א מוח |מויער| - (איר) וועגן א חידוש,ווונדער,

נייעס וואס איז גאר קיין חידוש ניט.

עס הייבט דעם מוח - א) וועגן א שטארקן געשריי, ליארעם.

ב) וועגן רעדן א סך, פארטומלען מיט רייד.

<u>ס'הייבן זיך ניט די הענט</u> – ס'ווילט זיך גאר ניט טאן
(מחמת דערשלאגנקייט, ייאוש, אנטוישונג).

<u>אז מע הייבט הענט, הייבט ער פיס</u> – שפאטיש וועגן א פחדן.

<u>שור:</u>

<u>הייב מיך ניט און ווארף מיך ניט!</u>

<u>הייבן.</u> ם

.1 ←----

1752 " און' ווען זיא |די הענט| שוין רעכט גיוועשן זיינן
|...| זאל ער דיא הענד אין דיא היך <u>הייבן</u> |...| און' 211
זאל זאגן (שאו ידיכם)".

5. האלטן.

... " מאחז - ער היבט".

198 רייכלין 8, איוב כו - ט.

6. זיין דער סנדק.

1533 " אונ' וויש וויא איך האב איין זון גיהאט |...|

198/1 במ"ט |במזל טוב| |...| אונ' מיין מומן |?| הוט

איך גיהובן".

פריוואטע בריוו, ציט ווארשטיין=בוך, ז' 333.

1541 " נון הט ער איין בורג גרובן דעם בוט ער //

198/2 דש ער אים זולט היבן דען קנאבן // אונ' זולט זיין זיין

רעכטר גיבאטר".

בבא=בוך, סטר' 8.

7. אנהייבן, נעמען זיך צו עפעס.

... " זי הייבן נומר גיגן אירן מניך קייך שטרייט".

198/3 מגילה=ליד, שורה 129.

ה יי ב ן !! - די, =ס. (פטמ/דיאל?) דזוו הייבאס.

ה יי ב ן ז י ך -

1. רעפלפון הייבן, ב' 1.

א) ווערן באוועגט (גערירט, גערוקט, געצויגן, געשטופט,געשלעפט)

אויף ארויף, אויף אויבן.

1899 " יעדער רגע טוט ער זיך א ווארף און א הייב

71 איך דער הויך".

וויערזשקאווסקי, 1, 6.

1926 " פון דעם בלאנדן צעפאטלטן קעפל האר האט זיך געהויבן

71/1 א ליכטיקייט, וואס נאר ער, לאנגעוויטש, האט עס געזען".

אפאטאשו, 3, 191.

1936 " פון די טיפסטע טיפענישן אומבאקאנטע וויארסטן,//

216 האבן קוואלן זילבערנע זיך געטאן א הייב |...|".

סוצקעווער, 3, 41.

1968 " עטלעכע טעג האט געדויערט און די ערד אויפן

213 דאזיקן קבר פון די דערשאסענע 500 יידן האט זיך נאך

אלץ געהויבן".

ג. כץ, יזב 2, 891.

ב) (ספעצ) אויפשטעלן זיך (פון זיצן, ליגן).

1926 " אין וואגאן איז געווארן א טומל, האלב פארשלאפענע

האבן מענטשן זיך געהויבן פון די בענק |...|, געזוכט

אין די קעשענעס די גרענעץ=קארטן".

אפאטאשו, 3, 108.

... " ער האט זיך א הייב געטאן פון זיין ארט, ווי אן

228 אונטערגעשאסענער".

מוקדוני, מיינע באגעגענישן, באנד?|, ז' |187.

רעד: געפינען פון ווערכן באנד און לויט דעם די דאטע.

2. (<u>פיג</u>) ווערן חשובער, באטייטיקער, העכער.

% זייער פרעסטיזש <u>הייבט זיך</u>. זיין אנזען <u>האט זיך</u> שטארק <u>געהויבן</u>. דער אויטאריטעט פון לערער <u>וועט זיך הייבן</u>.

3. שטייגן, ווערן גרעסער, מער, העכער אין ווערט (אין מאטעריעלן אספעקט).

% די אקציעס <u>הייבן זיך</u>.

|1931–1926| " צען אין דער פרי זיצט מען שוין אין באנק, פארטון מיט אלע חושים אין מסחר – די 'שערס' <u>האבן זיך געהויבן</u>, יענע גיפאלן |...|". <u>אפאטאשו, 14, 153</u>. 228/1

1970 " |...| גלייכצייטיק <u>האט זיך</u> אויך <u>געהויבן</u> די פראדוקציע פון די גרעבערס און זיי האבן אנגעהויבן צו ליפערן פארטיקע סחורה קיין לאדז". <u>א. פייוולאוויץ, יזב 7, 30</u>. 228/2

4. שטייגן, ווערן העכער, בעסער אינטענסיווער
(אין גייסטיקן אספעקט).

% דער קולטור=ניווא פון דעם פאלק <u>האט זיך</u> שטארק <u>געהויבן</u>.

5. ווערן אויפגערודערט, אויפגערעגט (וועגן געפילן
טראכטונגען <u>אד"גל</u>).

1970 " דאס הארץ <u>האט זיך געהויבן</u> מיט א ראמאנטישן
ציטער און האט אויסגעפילט מיט אזוי פיל פריידיקייט, 282/3
וועלכע מ'האט קיין מאל ניט געוווּסט".
<u>י. כץ, יזב 7, 203</u>.

6. געפינען זיך, אויסשפרייטן זיך אין א שטייגנדיקער
ליניע, אויף ארויף.

1910 " דער וועג <u>האט זיך געהויבן</u>, איז פארקראכן אין
א געדיכט פארוואקסן ארט און האט אומדערווארט 282/4
ארויפגעקלעטערט אויף א נאקעט בערגל".
<u>לאמעד שאפירא, 1</u>.

17 <u>**א הייב טאָן זיך אויף די פיס**</u> – אויסוואַקסן פּלוצעם,גיך.

<u>**עס הייבט זיך דער מוח**</u> – מ׳איז שטאַרק אויפגערודערט

אַסך, לאַנג פון טראַכטן, איבערקלערן וועגן עפּעס.

|1931–1926| " |...| <u>דער מוח הייבט זיך</u> |...|, נישט אַזוי

217/1 דאַרף מען זאָגן אַ בלאַט גמרא, און אויב ער זאָגט שוין

יאָ, פּלאָנטערן זיך ביי זע מחשבות |...|".

<u>אַפּאַטאַשו, 13, 29</u>.

<u>**די האַנט/הענט הייבט/הייבן זיך ניט**</u> – ס׳ווילט זיך ניט,

מע קאָן ניט טאָן עפּעס (מחמת אַ געוויסן געפיל,שטימונג).

1951 "<u>די האַנט הייבט זיך ניט</u>, די פעדער ציטערט |...|

52 ביים שרייבן איבער דער ׳עיר ואם בישראל׳|ווילנע|".

<u>מ. קאַסאָווער, פעד 106, 1131</u>.

1968 " די ווייבער זיינען געזעסן פאראומערטע אין געשעפט

ביי קעסטלעך געוויאנדזלטע פישעלעך, ביי טאונען

שמאלצהערינג, ביי קוישן מיט אלערליי פרוכטן. די

הענט האבן זיך ביי זיי ניט געהויבן צו וועגן און

מעסטן, די מיילער האבן זיך ביי זיי ניט געעפנט צו

רופן קונדן |...|".

גראדע, 7, 319.

(?נ?) די חדשים הייבן זיך - וועגן דעם אריינגיין פון

א מעוברתער פרוי אין די הויכע חדשים.

1969 " איך בין מיר געזעסן אין שטוב, ווי א זיידן

217/2 איידעמל אויף קעסט, ווען ביי זיין ווייבל, הייבן

זיך די חדשים".

י. פערלאוו, פער 155, VIII/ 17.

רעד: קיין מאל ניט באגעגנט דעם אויסדרוק, אפשר
איז עס פערלאווס אן אייגענע ניישאפונג...

ם

## <u>היבן.</u>

7. אוועקגיין, פארלאזן.

1697 " דוא מושט מיר געבן געלט צו צערן |?| // , דז

227 איך מיך באלד היב פון הינן// איא |=איידער| דאז עז

מיין פאטר ווארט אינן// דען ער ווערט מיך צו טוט שלאגן".

8. אנהייבן זיך, אויפהייבן זיך(ב' 12).

1544 " זיך הוב איך לאנט ישראל יאמר אונ' גרוש נוש ניט//

53 דרייא יאר ווש הונגר נימנט וואנד קיין ברוט".

שמואל=בוך, סטראפע 1669.

ה יי ב ע ר ק ר אָ פּ ט - די, בא. דזוו הייב=כוח

|סטופּש 197|.

ה יי ב ק ר אַ ן - דער, =ען. דזוו הייבער, ב׳ 1.

265 |1945-1943| " זיי האבן אפגעוואָרפן אלערליי מאשינעס, עקסקאַוואַטאָרן, הייבקראַנען, בוי=מאַטעריאַלן און לײדיק זיך אומגעקערט צוריק".

בערגעלסאָן, 17, 671.

264 1973 "רעכטס, נישט ווייט פון לאַגער, האָבן מיר געזען די קוילן=גרובנס מיט די הייבקראַנען |...|".

עלבערג, 2, 458.

70

ה יי ב ק ר א פ ט - די, בא. דזוו הייב=כוח

|סטוטש 197|.

ה יי ב ר אָ ד - די, ~ רעדער. מין הייבער, אין ב' 1.

|פינקעל, 1, 34|.

ה יי ב ש ט א נ ג – דער, די, =ען. דזוו הייבער, ב׳ 2.

|פינקעל, 1, 57|

ה י י ב ש ט ו ל - <u>די/דער, =ן.</u> א שטול צוגעפּעסטיקט
אויף צוויי שטאנגען, גענוצט צום טראגן עמעצן.

1960 " זי |בערעניקא| איז געפארן אין דער קעניגלעכער
קארעטע אדער ווען קנעכט האבן זי געטראגן אין דער 269/1
גאלדענער <u>הייבשטול</u>".

<u>י. בלומענטאל, פער 30/XII,69.</u>

ה יי ב ש ט ר י ק – <u>דער/די, מצ דז.</u> <u>(טעכט)</u>

באשטאנדטייל פון א הייבער (ב׳ 1), שטעלט מיט זיך פאר א פארבינדונג פון עטלעכע באוועגלעכע און אומבאוועגלעכע בלאקן און שטריק, דינט אויפצוהייבן משאות; פאליספאסט.

|פינקעל, 1, 51|.

ה יי ב ש ר ו י ף - דער/די, =ן. שרויף=מעכאניזם אויפצוהייבן שווערע זאכן אויף א קלייגער הייך.

% דעם אויטא האט מען אונטערגעהויבן מיט א הייבשרויף און איבערגעביטן די ראד.

ה י י ג אָ פ ל - דער, =ען. לאנדווירטשאפטלעכער מכשיר, וואס דינט צום אויפהייבן, צוווארפן, אויפלאדן און אויסלאדן היי, דער מכשיר באשטייט פון א שטעקן (א שטיל) און אויף אים ארויפגעזעצט דריי אדער פיר פאראייניקטע אייזערנע ( זן הילצערנע) ציין. טייל מאל געניצט ווי א געווער; ווידלע, ווילע.

% דער פויער ווארפט מיטן הייגאפל דאס היי אין וואגן אריין.

1883 "דער ייד האט גענומען אן אייזערנעם הייגאפל און און האט זיך געווערט". 40

פער 74, נ׳ 48, ז׳ 745.

1928 " רבקה קומט פון פעלד מיט א הייגאפל אין האנט |...|".

דאברושין, 1, 9. 42

77 ה–

1974 " חנהלע וועט זיך גאר נישט טארן באהאלטן אונטערן

43 היי, דער בעל=הבית קאן זי אדורכשטעכן מיט די שארפע

ציינער פון דעם הייגאפל".

עלבערג, 2, 108.

ה יי ג ר א ב ל י ע - די, =ס. מכשיר צונויפצושארן היי, באשטייט פון א שטעקן און אויף אים אין דער קווער ארויפגעזעצט אן אייזערנע פלאנקע וואס האט ציינדלעך.

ה יי ד - דער, =ן (ס׳רוב אין מצ) (עלט) געצנ=דינער.

1814 " וועט אויף שטיין איינר פון דיא היידין און
278/1 זיין נאמען איז ארמילוס הרשע |...|".
אנ, אבקת רוכל, 1, 8.

1878 " צווישן זיי זעט מען נאך עד היום אזעלכע מנהגים,
278 וואס קומען ארויס פון די היידן |...|".
מענדעלע, 16, 85.

1933 " |...| טראגט ער פריי די בשורה, און ער ווערט
292 אין ליידן // דער ׳אַפּאָסטאָל׳ פון די היידן".
ליעסין, 3, 259.

1943 " |...| פיל שטעט צוגענומען פון אונדז און באזעצט
284 מיט פיל היידן".
אש, 14, |14א?|, 405.

ם
**היידן.**

1544 "דא זאמילטן זיך דיא היידן אבר אזוא ויל// אז
זאנט |=זאמד| אין דעם מיר |...|". 274

שמואל=בוך, סטר 301.

1666 " שרייאן ווערט איר אלה גלייך איר טערקין אונ׳
אך היידן // יהודים נעמט וואז איר ביגערט אונ׳ 288
ציכט |=ציט| אל היך מיט פריידן".

איין שוין נייא ליד פון משיח, דף ד.

1743 " דיא היידן גינגן קליוגין בייא קאפיטא דער
וואר דר אנטפנגר פן דען ציז פון דיא שטאט". 276

שארית ישראל, דף ו׳.

ה י י ד א ! – אינט. פפ האידאָ! אויסרוף צו גיין/פארןפארויס,

צו רירן זיך, אזוי ווי: גיי/גייט! רירט זיך!

געגאנגען! מארש!

% היידא,דער טאג שטייט נים! האבן זיי גענומען די

פעקלעך און היידא אין וועג אריין.

1888 " א רויטע קו פארקריכט |...| אין דער זייט גאס

332 ביז צו דער גאנצער עדה יידן |...| און פירט זיך עפעס

אויף פע, נישט מיט דרך=ארץ. אלע זידלען זי מיאוס אפ,

טרייבן זי און שרייען אין איין קול: היידא!".

מענדעלע, 3, 53.

1910 " מ'ווועט אייך פארנעמען מיט אלץ וואס איר האט

325 און – היידא!".

פרוג, 2, 215.

1931 " רייסט זיך דער בעל=עגלה אויף |...| און |...|

280 פאכעט מיט דער בייטש: - וויא, גניאדא! - שרייט ער. -

<u>היידא!</u>".

<u>באשעוויס, פער 23, 47</u>.

1963 " ער האט מיך א נעם געטאן אויף די הענט, ארייננעווארפן

330 אין שליטן |...| איבערגעדעקט מיט זיין פעלץ און <u>היידא</u>!".

<u>מ. קריאנסקי, פער 131, נ' 1, ז' 50</u>.

ה יי ד א מ א ט ש י נ ע - די, בא. די באוועגונג פון הײדאמאקעס אין אוקראינע קעגן די פוילישע פריצים אין 17 - 18טן י"ה. אין דער דאזיקער צייט האבן די הײדאמאקעס אויך דורכגעפירט שרעקלעכע פאגראמען אויף יידן אין די שטעטלעך און דערפער; אויך בעת דעם בירגערקריג אין רוסלאנד ( 1918 - 1922) זענען פארגעקומען פאגראמען פון אוקראינער באנדעס וואס האבן זיך גערופן הײדאמאקעס.

... " א סברה, אז דארט |אויף דעם בית=עולם| געפינען זיך א היפש ביסל קדושים נאך פון דער הײדאמאטשינע, פון כמעלניצקיס צייטן". 335/1

שלום=עליכם, 7א, 16.

1932 " די פאגראמען פון די 80=ער יארן זענען דער עיקר
336 פארגעקומען אין אוקראינע, ווייל זי האט פארמאגט אירע
אלטע טראדיציעס פון סטיכיישן פאגראמען=קאמף. |...|
כמעט 300 יאר דויערט די <u>הײדאמאטשינע</u> אונטער פארשיידענע
פארמען, איין מאל אין יעדן יארהונדערט רייסט זי זיך
ארויס, ווי א חיה, מאכט חרוב הונדערטער יידישע קהילות|...|".
<u>פער 109</u>.

(?נ?) ה יי ד א מ א ק ע וו ע ן - אוטוו. פירן זיך ווי היידאמאקעס פאגראמירן (הרגען, ראבעווען).

.................................................................................

רעד: חוץ דעם ווארט איז אויפן קארטל ניטא קיין זאך. איז ערגעץ אין דער ליטעראטור געניצט דאס ווארט?

.................................................................................

ה יי ד א מ א ק - דער. =עס.

1. אנטיילנעמער אין די בונטן פון אוקראינער קעגן די פוילישע פריצים אין 17 - 18 טן י"ה; אין יידישן קאנטעקסט – אנטיילנעמער אין די מאסן=פאגראמען אויף יידן אין דער דאזיקער תקופה, ווען ס׳זענען אומגעבראכט געווארן טויזנטער יידן אין אוקראינע.

... " |...| טיפע קעלערס, ווו ס׳איז א מאל געווען באהאלטן
342 |...| דאס גאנצע געווער פון די הײדאמאקעס".
שלום=עליכם, 2ג, 225. |סטעמפעניו|.

1925 " די הײדאמאקעס, וואס אין שטאט, האבן אויסגענארט און
338 די שטאט איבערגעגעבן צו קאזאקן".
מרדכי בן הלל הכהן, 1, 278.

1960 " כמעלניצקי און די הײדאמאקעס האבן אלץ אפגעווישט,
343 נישט איבערגעלאזט קיין אנטרינונג".
באשעוויס, פער 155, !X/26.

2. אנטיילנעמער אין די קאמפן, וואס באנדעס אוקראינער מיט
דעם דאזיקן נעמען, אונטער דער אנפירונג פון אטאמאן
פעטליורא, האבן געפירט קעגן דער סאוויעטישער מאכט
(1918-1922), די דאזיקע באנדעס האבן דורכגעפירט
מאסן=פאגראמען אויף יידן אין די שטעט און שטעטלעך
פון אוקראינע, און צענדליקער טויזנטער יידן זענען
דורך זיי אומגעבראכט געווארן.

1931 " |...| דא האבן זיך באפעסטיקט די <u>היידאמאקעס</u>
349 מיט דריי הארמאנטן".
<u>קאשניראוו, פער. 164, 82.</u>

1957 " יידישע יישובים, געראטעוועט פון די <u>היידאמאקעס</u>
340 |האבן זיך| אויסבאהאלטן אין וואלד. די ארומיקע
פויערים פלעגן זיי אבער ארויסהעצן פון דארטן, אזוי
ווי ווילדע חיות".
<u>ברוסילאוו, 2, 284.</u>

3. (פטמ) גזלן, רוצח, מערדער.

1815 "|...| או שיפלו |...| היידאמאקין ויגזלו ממך

352 את ממונך".

שבחי בעשט, ציט' מ. אונגער, פער 90, נ' XX! - 3.

1929 " מיט יעדן גוי גזלנים גייען אום,// מחנות היידאמאקעס".

339 גראס, 1, 31.

4. (פטמ) א גוי, א פויער.

1959 " דעם בעל=שמס שמייסער, דער יונגער אלעקסיי,

337 איז געלעגן אין שטאל, לעבן בעל=שמס שקאפעלע, און

הויך געכראפעט. וואס ווייסט א היידאמאק פון שלוש=סעודות?".

טרונק, פער 69, !T/5.

5. (שלש/פעיא) איידעם.

ה יי ד אַ מ אַ ק י ש - אדי. (ווי) פון א הײדאמאק(עס).

% הײדאמאקישע באנדעס.

1974 " די יידן פון אוקראַינע, וואס זענען אין 1768

געלאפן פון די הײדאמאקישע רוצחים |...| האבן געבראכט

חסידות קיין פראגע".

יזב 17, 23.

(?נ?) ה יִ ד אַ ר – דער, =עס. פאסטעך פון שאף.

רעד:הוץ: דעם ווארט איז אויפן קארטל ניטא גארניט.

איז ערגעץ אין דער ליטעראטור דערמאנט דאס ווארט?

357 (?נ?) ה יִ ד אָ ר ק ע - <u>די, =ס.</u> א לאנגער פאסטעך=שטעקן.

רעד: זעץ באַמ צו היידאר!

ה יי ד ג ר אָ ז – דאס, בא. דזוו היידעקרויט.

1930 " פיל נאך ווערטער איז פאראנען |...|//. כ'האב

גערעסן זיי אויף שטעגל,// כ'האב פון היידגראז 308

זיי געבראכן".

פיניבערג, 2, 113.

ה יי ד ו׳ק - דער, =ן.

1. (עלט) א דינער, לאקי, ביי א גרויסן פריץ.
(ס׳הוב געקליידט אין אונגערישער טראכט, פון דאנען זייער נאמען).

1945 " |...| נאכגעמאכט גראף פאטאצקים געשפאן, ווען ער פארט ארויס מיט היידוקן פון פארנט און פון הינטן". 362
שניאור, 9, 38.

2. (רעג. מאלדאוויע) (עלט) פויער, וואס איז אנטלאפן פון פריצישער מאכט אין וואלד, זיך פארנומען מיט רויב, אפט געטיילט זיך דערמיט מיט די ארומיקע ארעמע פויערים, און דערפאר באזונגען אין די פאלקס=לעגענדעס |י. טראכטענבערג..|.

(?נ?) 3. (רעג. מארמארעש) "א פאליציסט" |קטוו|.

4. (רעג. זאמעט) קויצע, שמעלע קויטקע (די היידוקעס זאלן האבן געטראגן אזעלכע קורטקעס)" |קטוו|.

## היידוק. (עלט)

5. אונגערישער פוסגייער. סאלדאט, אזעלכע זעלנער האבן אויך געדינט אין חייל פון די פוילישע קיניגן און מאגנאטן.

1588 " |...| יום ראשון של ר"ה איז בלילה איין גשטיגן אי איבר דער מויאר י"ב היידוקין האבן איין גיבראכן ביי 363
הירש ר' עקיבא אין גוועלב |...|".

א פעקל בריוו, ז' 58.

רעד: דער טייטש איז פון קארטל (דא אזא אויסטייטש אין פוילישן ווב), אבער לויטן קאנטעקסט פון דער ציטאטע, איז עס געבער דער באטייט 2).

ה יי ד י ק - דער, =עס. אפט אין פּקפּ היידיקל.

373 (שלש, לאקל ניעזשין, בארזנא) "וועגן א מאנטל

(בכלל א בגד) וואס איז קורץ און שמאל".

|נ. הייקין, פער 9, נ׳ 7 פון 1962|.

% זע נאר וואס פאר א היידיקל האסטו דאס אנגעטאן!

372 |קטוו|. (היידוק, ב׳ 4, 5).

ה יי ד / י ש - אדי. פון הידן (געצן דינער),
געצנ=דינעריש.

1912 " דאס ערינערונג=לאנד איז דעריבער יענע הײדנישע
303 פעריאדע, די פעריאדע פון דער נאטור=רעליגיאן".
זשיטלאווסקי, 1, 173.

1951 " דעם ליטווישן פאלק, וואס איז נאך אלץ געווען הײדניש
304 און געדינט זיינע אלטע געטער איז געווען באשערט צו
האבן אין דעם גרויספירשט געדימין (1316 - 1341)
א הערשער פון א גרויסן פארנעם".
מ. ווישניצער, פער 106, 49.

(?ב?) ם ה יי ד י ש - אדי. דזוו היידניש.

1544 " |...| דא שלאגן זיא צו טוט מענכן היידישן מאן".

293 שמואל=בוך, סטר 387.

|סוף XVII י"ה| " דיזי גישיכטי שרייב איך ניט פאר איין

294 אמת עש מאג נאך איין היידישער פֿאביל זיין".

גליקל האמיל, ז׳ 21.

ש ב י ד י י ה ס — (?בג?)

1. אדי. דזוו הײדניש.

2. דאס. די שפראך פון די הײדן. גויש, ניט ײדיש.

... " דא ער מוישט הײדינש שפרעכן און זײנען דוך |?|". 306

מגילה=ליד, שורה 114.

(?נ?) ה יי ד ל ב ע ר - ד י, |מצ?|. (באט) ם

1. (עלט) נידעריקער גריגער קוסט, וואקסט ס׳רוב אין נאדלוועלדער, די פרוכטן זיינען בלוא=שווארצע יאגעדעס, טויגן צום עסן (ווסנ)

2. (עלט) די יאגעדעס פון דעם דאזיקן קוסט.

1717 " |...| ווען איר דיא מילך שווינט |?| נעם היידל בער אין וויין גיזאטין אונ׳ צו טרינקן". 376

ס׳ החיים, !!, דל ס"א.

ה י י ד ל ע ן - <----- <u>דזוו היידן, ב' 2.</u>

ה יי ד ן - די, מצ, פפ(דיאל) הא(א)דן. (באט,עלט).

1. תבואה=פלאנץ, (ווסנ

אנדערש גערופן: הרעטשקע/הריקע, רעטשקע, (עלט)בוכווייץ.

2. (אפטער אין פקפ: היידלער/היידעלער, (דיאל) האאדלער).

די גרויפן, געמאלן פון דער תבואה ( הרעטשענע גרויפן,

הרעטשענע קאשע).

% די קינדער האבן ליב היידלער מיט מילך.

1860 " איבער די קאשע וואס מען רופט זיי מלין היידליך

312 און צו ריבענע ארבעס שיטער אין וואסער מאכט מען

|די ברכה| שהכל |...|".

אנ, דרך אדם, 1.

1970 " געוועו א טאטע מיט א מאמע |...| // און קינדער

313 ווי באב,// וויל איינס עסן קניידעלעך,// א צווייטס -

היידעלער |...|".

מאלאדאווסקי, 4, 8.

ם

**היידן.**

1676 " פון ערבז |און?| פון היידן איז מן ניט שולדיג

290 דר פון חלה צו נעמן".

ברנט שפיגל, פרק ל׳.

(?נ?) ה יי ד ן ב ר יי א [ס] - |דער/די?| ברײ פון הײדן (הרעטשקע).

//האדן ברייא// " טוט מן אים אויף שטעלן איין |1680 - 1675|

290/1 עש־מאגן זיין צעהן געשט אדר צווייא".

די בשרייבונג פון אשכנז אונ' פאלק, ז' 80.

רעד: ניט זיכער אויסטייטש

ה יי ד נ ט ו ם – דאס, בא. געצן=דינערײ.

1906 " ווען עס וועלט זיך געווענדט אין געטהען, וואלט ער

פאזיטיוו אומגעביטן קריסטנטום אין היידנטום". 302

ה יי ד ן = ק ו ג ל - דער, =ען. פפ̄ (דיאל) האדן=קוגל.
קוגל פון היידן (הרעטשענע גרויפן).

1956 " חוץ א רייז,= ראזינקע, |...| קארטאפל=קוגל,
318/1 איז אויך געווען א האדן=קוגל, דאס הייסט פון רעטשענע
גרויפן".
ב. ראבאק, (סאניק, גאל) פער 90, נ' !XW - 2.

(?נ?) ם |היידע| ה יי ד א - די, =ן. א וויסטער שטח,

אן פעלדער אדער וועלדער, באוואקסן מיט ווילדע גראזן.

מה"ד:

1544 " ער ליף אויבר איין היידן דיא ווש גאר בריים.//

285/1 מיט מענכן ווילדן קרויט ווש דיא היידן אויבר שפרייט".

שמואל= בוך, סטר׳ 514.

(?נ?) ה יי ד ע !! - דער, =ן. (עלט) הייד, געצן=דינער.

1872 " מען זאל קיין היידע פארשעמען פאר איינעם דער

317 איז איין היידע געוועזן און האט גאט דערקענט".

צאינה וראינה, פרשה יתרו.

(?נ?) ה יי ד ע י ס - דער, |מצ?|. אקסן=טרייבער.

|?1819| " דער בעשט האט ר׳ מאטיל פולנאער דורך

371 היידעים געגעבין דרייצעהן הונדרט גילדין מזומנים נור

פון צווייא קאורט בראנפין |...|".

יוסף פערל, 1, 120.

.....................................................................

רעד: א) דעם אויסטייטש גיב איך לויטן קארטל(וואס גיט, אגב, אן א מקור: "מג"ט לה"ק גלאסאר". דאס זוכווארט אויפן קארטל איז "היידיעס", אבער איך גיב דאס דא ווי ס׳שטייט אין דער ציטאטע, וואסער נוסח איז דער ריכטיקער? פון וואנעט שטאמט דאס ווארט?

.....................................................................

היידעקרויט - דאס, בא. (באט) אייביק גרין
קוסטגעוויקס (ווסנ)

1962 "...| די ערד איז זאמדיק, מאכיק, דא און דארט
318 באוואקסן מיט היידעקרויט |...|".
באשעוויס, פער 155, 14/XII.

(?ב?) ה י<u>י</u> ו ו <u>א</u> ר <u>א</u> ן - <u>דער, =ען.</u> (<u>זאאל</u>) פויגל

377 <u>ווסב</u>)

| |
|---|
| <u>רעד:</u> ניטא קיין שום ליטער' מקור |

ה יי ו י ק - אדי. (שנש) ווי (פון) הייוון, פערמענטירנדיק;
הייוונדיק.

1928 " מיינע לידער - ווי הייוויקער ברויז |...|".

פיינבערג, 1, 41.

ה יי ו ן - די, במ.

1. א זגאל איינקעמערלדיקע שוועמלעך

(ווסנ

פארמערן זיך דורך קנאספן זיך,די הייוון שאפן אן ענזים, גערופן ימאזע, וואס איז גורם די פערמענטאציע פון צוקער.

1937 " הייוון זיינען קליינע שוועמלעך, וואס מע קען

442 זיי באטראכטן נאר מיט א גוטן מיקראסקאפ".

פער 151, נ' 12.

2. א מאסע וואס באשטייט פון קולטיווירע לעבעדיקע הייוון= קעמערלעך באקומט זיך ווי א זייטיקער פראדוקט אין דער פערמענטאציע=אינדוסטריע (ווייך, ביר א"א);
הייוון ווערן געניצט אין בעקעריי (צום יערן דאס טייג), ביים פרדוצירן געוויסע מילך=פראדוקטן (יוגורט א"א).

% באקן חלה (קיכלעך) אויף <u>הייוון</u>. ארײַנטאָן <u>הייוון</u> אין דער ראַשטשינע. מאַכן אויפֿגײן בעסער דאָס טייג. געפּרעסטע <u>הייוון</u>.

1895 " זי |שׂרה=רבֿקה| דרייט זיך אַרום מיטן טאָפּ אַרבעס אין גאַס, |...| צעטראָגט |...| <u>הייוון</u> אין עטלעכע הײַזער".

<u>פּרץ, 17, 166.</u>

1928 " די ברעקלעך גאָזבלעזלעך, וואָס <u>הייוון</u> מאַכן אינעווייניק אינעם טייג, שפּאַרן זיך אויף אַרויסצופֿליען, נאָר דאָס פּאַפּיקע, פּוכקע טייג דערלאָזט זיי ניט, |...| בלאָזט זיך דערפֿון דאָס טייג". 391

<u>איזראַ, 3, 96.</u>

1951 " זי |די אַלמנה פֿון רבֿ| איז געבליבן ביי דער חזקה צו פֿאַרקויפֿן <u>הייוון</u> און בענטשליכט אין שטעטל|...|". 399

<u>א. קאַצענעלנבאָגען, פֿער 106, 1248.</u>

1973 % קהל האט געזאלט אפגעבן דעם פארקויף פון <u>הייון</u>
איינעם פון זייערע רעדל=פירער".
<u>באשעוויס, פער 155, V/4.</u>

3. (<u>פיג</u>) א סיבה, פאקטאר וואס איז גורם, אז עפעס זאל
גיך וואקסן, זיך אנטוויקלען.

% די רעוואלוציע איז אויפגעגאנגען אויף דעם <u>הייון</u>
פון נויט, ארעמקייט און אנטערדריקונג.

1957 " חסידים |...| וואס זענען אויפגעוואקסן אויף
די <u>הייון</u> פון אהבת=ישראל, דארפן |...| זייך
ווארעמער |...|".
<u>איבז אנ, ליקוטי דיבורים, דף מ"ה.</u>

⊿ <u>וואקסן/אויפגיין ווי אויף הייון</u> - וואקסן,
אנטוויקלען זיך, גרעסער ווערן אויף גיך.

1889 " דיין ווייב - קיין בריה, בו - קיין מבין,//

411 דער דלות גייט אויף ווי אויף הייוון".

מיכל גארדאן, 90.

1919 " |...| ס'איז עפעס א גערעטעניש אויף בערד,|...|

401 זיי וואקסן ווי אויף הייוון".

1958 " ער |דער שדישער עובר| וואקסט ווי אויף הייוון,

401/1 האט א בייזע גבורה, ער צעשפארט איר די געדערעם".

באשעווויס, פער 9, פסח=נומער, ז' 32.

ער/זי איז א מבין ווי א חזיר אויף הייוון - ווען אייגעם

וואס איז גאר קיין מבין ניט.

שוו:

ביים ארעמאן וואקסן די קינדער ווי אויף הייוון.

ם **היבין/היווין.** מה"ד:

.2 ←----

... " שמריה - איר בחפן |...|, ל' שמרי יין".

395 רייכלין 8, תהילים, עה 8 ט.

1602 " מואב איז פון זיינר יוגנט אויף זיכר גיוועזן אונ'

395/1 אויף זיין היבין שטיל גילעגן |...|".

ס' ירמיה, מח - יא.

1728 " דער שתן פון איין טראגינדה אשה |...| איז

427 לויטר אונ' צו גרונד ליגט אז וויא היווין |...|".

סגולות ורפואות, דף י"ח.

ה יי וו ן !! – (דיאל?) הייבין, הייבאם.

|ל. ילעהרער, פער 90, נ׳ !! – 6|. 382

ה יי וו ן = א פ ז אַ ץ - דער, =ן.

סטוטש |210|.

די הייוון וואס זעצן זיךאפ אין פראצעס פון פערמענטירן

(וויין, ביר א"א).

ה יי ו נ ב ר ו י ט – דאס, בא.

|סטוטש 258|.

ברויט אויסגעבאקן פון טייג וואס האט געיערט אויף אייוון.

ה יי ו ר נ ד י ק - אדי/אדוו. ווי (פון) הייוון (יערנדיק, פערמענטירנדיק, זויער).

1960 " די ראזשינקעס |...| האבן זיך צעשפילט ביי מיר אין די פלעשלעך, האט דער ווייך געכאפט א פאסקודנע זויערקייט און איז געווארן הייוונדיק". 430

שלום=עליכם, 13, 231.

1948 " א |...| פאס מיט הייוונדיקן ווייך".

י.י. שווארץ, 37,3. 429

ה יי ו ן = ה א ל ט ע ר - דער, =ס. (עלט)

דער וואס האט געהאט דאס רעכט צו האנדלען מיט היוון

(ס׳רוב פלעגט דאס זיין די פרוי פון שטעטלישן רב,

ווי א צוגאב צו די גאנץ קליינע שכירות, אבער אין

געוויסע שטעט פלעגט קהל איבערגעבן (פארדינגען) דאס רעכט

צו א קרעמער(קע) פון שטאט).

... " א רייכער אויפגעקומענער בעל=הבית, היוון=האלטער|...|",

436 פרץ, 10.

ה יי ור נ ור יי ן - דער, =ען. בנב.

1941 " און גאט פון צבאות וועט מאכן |...| א מאלצייט

437 פון היירונווייגען |...|".

תרגום יהואש, ישעיה, כה - 6.

ה יי וו נ י ק - דער, =עס. פפ הייוועניק.

דער וואס האט געהאנדלט מיט הייוון.

1951 " די געשעפטן פון |...| לייזער עפלביק, ריווע=

431 גוטעלען דער מילכיקערס, שמואל דעם הייווניקס

און נאך - א זעלבע קראמען האבן אין מיינע אויגן

אויסגעזען ווי ריזיקע געשעפטן".

פ. עפשטיין, פער 106, 1193.

ה יי ו ו ן = פ ר אָ ש י ק - <u>דער, בא.</u> הייוון אין דער פארעם פון א פראשיק. געניצט צום באקן.

ה יי ור ן = ש ור ע מ ל - <u>דאס, ער</u>.(<u>ס'רוב איך מצ</u>).

<u>דזוו היירון, ב' 1</u>.

ה יי ור ב ש ט י ק - דאס/די, =ער. הייוון אין א געפרעסטער

פארעם, ווי ציגעלעך, געניצט צום באקן.

ה יי וו ע י  -  דער, =ס. (אמ) ברייטער פילשטראזיקער

אויטא שאסיי, מיט אן איבערצוים אין מיטן ווו. ס'איז

דערלויבט צו פארן גיך.

ה י י ו ר ע נ י ק – דער, =עס. דזוו הייוו ניק.

ה יי ור ב ש ל יי ם - דער, =ען.

|סטוטש 222 בנב.

הייזאק – דער, ~ זעק. גרויסער זאק אנגעפילט מיט היי געניצט אונטערצולייגן און צו שלאפן אויף דעם; סיעניק.

% אנפילן דעם הייזאק. די לאגערניקעס שלאפן אויף הייזעק.

1954 " די שטרוי |?| פון הייזאק דארף מען אנצבחחום אויף פרישע".

48

יזב 10, 611.

ה יי ז ל – דאס, =ער, פּקפּ פון הויז,
צווייטע פּקפּ הייזעלע, הייזקע.

1. א קליין הויז.

% א פויעריש היי זל. טייל הייזלעך פון שטעטל זענען
געווען געדעקט מיט שטרוי.

1890 "אים |דעם משולח דאכט זיך, אז ער גייט צום יידנס
הייזל, נאר עס רוקט זיך אפּ אלע מאל ווייטער און
ווייטער".
פּרץ, 17, 40.

1911 " |מע הערט| שרייען, געוואלדעווען, און די פּאר
שטרויענע הייזלעך פלאקערן דערווייל אויס, פּונקט 472/1
ווי א הבדלה".
מוירער, 1, 28.

1930 " נאך גרעסער ווערט די פארוווּנדערונג, ווען דו
472/2 נעמסט באזוכן די היימען - אייגענע <u>היַיזלעך</u>, פיַין
מעבלירט |...|".
<u>איינהארן, 7, 141</u>.

1948 " די <u>היַיזלעך</u> איינגעבויגענע צו דער ערד האבן געקוקט".
453 <u>מארקיש, 9, 58</u>.

2. (<u>לאקל, סאנץ</u>) א קליין פירהויז
|<u>ר. מאהלער, פער 90, נ' IV - 3 - 6</u>|.

3. (<u>שש</u>) שאנהויז, בית=זונות.

1907 " |דאס| צימער געפינט זיך איבער דעם קעלער, אין
474 וועלכן עס איז דאס '<u>היַיזל</u>'".
<u>אש, 7ב, 5</u>.

1926 " פון דעם 'הייזל' |...| האט זיך געהערט א קרעכצן,
452 ווי א פארשטיקט געוויין |...|א פנים אימיצער האט
געשלאגן א פריילעכע שוועסטער".
אפאטאשו, 5, 96.

0 הייזל=מומע - די, ס.= די בעל=הביתטע פון הייזל
(שאנדהויז).

1961 " |...| א פארפעצטע הייזל=מומע".
475 לעיעלעס, 6, 161.

רעד: דערגאנצן די ציטאטע.

ם פריילעך הייזל, לוסטיק הייזל - דזוו הייזל, ב׳3.

1969 " |...| זיי האבן געהאט פריילעכע הייזלעך

466 און זייגען געווען פאסערס".

י. פערלאוו, פער 155, VI/29.

"קרום הייזל" - שאנדהויז"|קטוו|.

(?נ?) ה יי ז ל ע ך ז י ך - אוטוו. בנב.

1919 " |...| עס הייזלט זיך".

480 נאדיר, 1, 123.

רעד: מסתמא מיינט דער "האדיריזם": ס'איז דא
(ס'מערן זיך) א סך הייזלעך (אין באטייט
שאנדהייזער? זען א ברייטערן אנטעקסט!

ה יי ז ל ש נ ע ק – דער, =עס/=ן. (זאאל) א זגאל פון

שנעקעס, 479

|פער 92, 1938, נ׳ 4|.

רעד: ביי סטוטש 247 ניטא אזא צוליב אינפארמאציע
גיב איך דעם גאנצן טעקסט פון קארטל:"הייזלשנעק
---> שנעק. אויך:שערבלשנעק, שאלשנעק.(איך לויוויטש:
באבע=שיסעלע)" אויך די זענען ביי סטוטש ניטא.

(?נ?) ה יַי ז ל ע ך - אדי. (עלט) דזוו הויזלער(שטוביק,היימיש).

1861 " מין מעג עסן אויף דעם וואס איז דא אין די

476 נעסטין פון הייזליכע פייגליך".

איבז אנ, משניות, זרעים, ז' 30.

רעד: ס'איז מסתמא סתם א גרייז און ס'דארף זיין "הויזליך".

ה יי ז ל ע ך - די, במ. פּקפּ פון הויזן, ערשטע
צווייטע פּקפּ הייזעלעך.

1. קורצע הויזן, וואס קליינע קינדער טראגן.

% קורצע הייזלעך. קינדערשע הייזלעך. אויפנייען פארן
יינגעלע א פּאר נייע הייזלעך אויף פסח.

1932 " אויף די |...| טונקעלע הייזלעך האט ער |פּענעק|
פונקט אקעגן די קני געהאט גאר פיינע געלע צוויי לאטעס". 461
בערגעלסאן, 13, 166.

1966 " |...| א קינד, וואס שיער די הייזלעך פאלן אים
ארונטער". 469
האלקין, 4, 38.

2. קורצע הויזן צום באדן זיך (אין א ים, א טייך),
באדהייזלעך.

% אויף דער פליאזשע זעט מען טראגן <u>הייזלעך</u>, פון פארשיידענע קאלירן און פאסאנען. איר באדאסטיום באשטייט פון א פאר קורצנקע <u>הייזעלעך</u> און א ביוסטהאלטער.

3. קורצע הייזלעך וואס מע טראגט ווי אונטערוועש.

% ער האט זיך אויסגעטאן און געבליבן נאר אין דעם לייבל און ווייסע <u>הייזלעך</u>.

ה יי ז ע ל ע ך – די, במ. צווייטע פּקפּ פון הייזלער (אלע ב"ב).

ה יי ז ע ר - די, מצ פון הויז, אלע באטייטן.

% הילצערנע (געמויערטע) הייזער. ארעמע הייזער.

בעל=הבתישע הייזער.

1818 " |...| ווייא גשרייאן איבר די דא בויאן אונ

488/1 מויארן הייזר מיט לויטר אום רעכט |...|".

אנ, שבע זכירות, ז' 25.

1872 "עס ווערן די הייזער גערייניקט |אויף פסח|,

488 די מעבל געזויבערט, די געשיר געוועקסלט".

דיק, 62, 37.

1910 " מע האט מיט דעם בריליאנט |...| אזוי פיל גיטער

488/2 גענומען און געגעבן, אזוי פיל הייזער, געבארטלט

מיט גאסן |...|".

האפשטיין, 1, 75.

1972 " עמעץ האט דערציילט, אז א דייטשער אפיציר |...|
488/3 זאל האבן געזאגט, אז די אוועקגעפירטע יידן וועלן
אפרייניקן גרוזעס פון באמבארדירטע דייטשע הייזער".
ראזענפארב, 3, 562.

[] הייזער=הויך - זייער הויך.

1971 " דאס מאל האט אויסגעבראכן א שטורעם אין סאמע
505 חדש אויגוסט. די כוואליעס ,ענען געשפרונגען הייזער=הויך".
באשעוויס, פער 155, [!]/27.

עס האט אים (זי) געווארפן הייזער=הויך - ער האט שטארק
געציטערט (פון שרעק, פון כעס, אויפרעגונג).
אויך ווי א קללה: ווארפן זאל עס אים (איר, דיך)
הייזער הויך!

גייען (ארומגייען, ארומשלעפן זיך) איבער די הייזער -

גייען פון הויז צו הויז בעטן נדבות.

1878 " די גאנצע נסיעות זייערע, מ'שטיינס געזאגט,

505/1 באשטייט נאר דרינען - ארומצושלעפן זיך, ווי מקבלים,

איבער די הייזער".

מענדעלע, 16, 5.

הייזער. ם

1602 " אונ' ער זול דיא מצבות אין בית שמש דאש דא

461/1 ליגט אין לנד מצרים צו ברעכן אונ' דיא געצן הייזר

אין מצרים מיט פייאר ור ברענן".

ס' ירמיה, מג - יג.

1701 " איין גרוש גיוועטר אויז קאם דש דאך וואשר |...|

461/2 פיל הייזר אונ' בוימן אוועק פליצט".

מעשה=בוך, מעשה כ"ג.

ה יִ י ז ע ר ב ל אָ ק - <u>דער, =ן.</u>

1. א שורה הייזער אין א גאס צווישן איין קווערגאס און דער צווייטער.

2. א גרויס הויז מיט א סך דירות און איינגענג.

1973 " די ערשטע <u>הייזערבלאקן</u> זענען אנטשטאנען ביי

496 דער מאנדזשיעווער גאס, וואס איז שפעטער דורכגעשניטן געווארן דער טארגאווע גאס".

<u>יזב 16, 130.</u>

ה יי ז ע ר = ג יי ע ר - דער, =ס/מצ דז.

ארעמאן, וואס גייט ארום איבער די הייזער בעטן נדבות.

1964 " הייזער=גייער, |...| בעטלערס |...|, מענער און

499 פרויען זענען ארומגעגאנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט".

א. בלאך, יזב 19, 486.

1971 " |...| ווען האט עס דער הייזער=גייער// גאר געקענט

500 צון איר דערגרייכן?".

מ.מ. שאפיר, 5, 17.

ה יי ז ע ר ו ו יי ז - אדוו. א הויז נאך א הויז,

איין הויז נאכן אנדערן.

1924 " העכער, העכער, העכער,// שווימען שטעט שוין

503 הייזערווייז,// ווי געפלאנצטער שווארצער אייז".

מארקיש, פער 100ב, 16.

ה<u>יי</u> ז ע ר נ י ק - <u>דער, =עס</u>. אן ארעמאן, וואס גייט
ארום בעטלען איבער די הייזער.

1963 " איפן ברית פון גיטעלעס |...| בכור האבן זיך
אלע בעטלער און <u>הייזערניקעס</u> משמח געווען". 494

<u>ה. אקערמאן, פער 69, 4/VIII.</u>

ה יי ז ע ר י ק - אדי/אדוו.

1. (ווען דעם קול/שטימע פון א מענטש) פארשטיקט, געדעמפט, כמעט אן קלאנג, שעפטשענדיק.

% א הייזעריק קול. רעדן הייזעריק. פון א סך שרייען איז ער געווארן הייזעריק.

1868 " הינטן זיינען נאכגעגאנגען |...| אונטער=שמשים, פארוויקלטע חזנים פון קליינע שטעטלעך, הייזעריקע משוררים |...|". 526

דיק. 40.

1889 " ער |דער יצר=הרע| עצט זיך לעבן אים אנידער, הייבט זיך אן צו ווערטלען, רעדן א ביסל חנופה, חכמהלעך, |...| ניבול=פה, דער סריס אבער פארשטייט נישט קיין ווארט און גיט אפילו נישט קיין שמייכל, דער יצר=הרע איז אזש הייזעריק געווארן".

פרץ, 17, 23.

1910 "און מיט א הייזעריק געלעכטערל קוקט זי זיך איין
525 אין דער פינצטערניש".
פרוג, 2, 268.

1931 " דער בעל=עגלה האט זיך ווי אויפגעכאפט |...|
525/1 פלוצעם גענומען געדיכט שמייסן מיט דער בייטש און
שרייען הייזעריק און מיט רוגזה: ויא!".
באשעוויס, פער 23, 44.

1968 " מאניע איז א שניידערין. |...| זי איז געזונט,
528 מאניע... אזוי זאגט זי, נאר זי רעדט שטיל, הייזעריק".
ב. דעמבלין, יזב 2, 656.

2. (פיג, ווענגן קלאנגען, רוישן בכלל) אומקלאר, דומפיק,
פארשטיקט.
1915 " |...| ווערן הייזעריק די אינדן,// שרייענדיק
492 ארום דעם אינדזל".
יהואש, ליד " דזשאראדא".

1964 " איז זיך דער רעזולטאַר |סאַרט וואַנטזייגער|
492/1 פאַרגאַנגען אין אַ הייזעריקן טאָן און טעמפּ אַרויסגעפּלאַצט
מיט דער שעה".
ישראל קאַפּלאַן, 1, 18.

1972 " אין פּרוש ר׳ יואלס שטיבל טוט הײזעריק
492/2 אַ גרילץ דער אײַזערנער טיר=פאַררוקער |...|".
גראַדע, פּער, 155, !!!/19.

פּפּ:

הייזעריק: ווי די וואַנט, ווי דער חזן נאָך נעילה,
ווי אַ (שטומפּיקע זעג), ווי אַ צעריסענער שון.
שטאַק הייזעריק.

1971 " |...| געענטפערט האָט דער ׳אַלטער׳, כ׳האָב
539 דערהערט אַ קול הייזעריק ווי אַ זעג".
באַשעוויס, פּער, 155, VIII/7.

ם היי**זר**יג/הייזר. מה"ד:

... " נחר - הייזר".

486 רייכלין 8, תהילים, סט - ד.

1668 " אונ׳ ער שרייא טיטוס איבר זיא ביז דז אים ווארט

529 הייזר ווארדן זיין קעלן אונ׳ דאז ער ניט שריאן מעכט".

יוסיפון, 3, דף שמ"ט.

1748 " |...| דאז איך זאל (כח) האבן צו דינן דיר אונ׳

529/1 זאל ניט הייזריג זיין |...|".

סידור תפילות, דף כ"ב.

ה יי ז ע ר י ק יי ט - <u>די, בא.</u> אייגנשאפט אדער מצב פון זיין הייזעריק.

% די <u>הייזעריקייט</u> איז אים געקומען פון א פארקילונג.

1974 " ער האט געביסן די פען, און וואלט געדארפט

531 אפבייסן די האנט, וואס פארשרייבט איר פיין, וואס קען ניט איבערגעבן אירע ווערטער מיט דער רויער <u>הייזעריקייט</u> |...| פון דער קימפעטארין".

<u>עלבערג, 2, 391.</u>

הײזעריקלעך - אדי/אדוו. א ביסל הײזעריק, ניט אין גאנצן הײזעריק.

1925 " |...| געפרוּװט נעמען עטלעכע טרעלן, נאר ניטט
519 זעענדיק קײן ליכט ארום זיך, האבן זײ זיך פארשעמט
|...| איבערגעריסן הײזעריקלעך און אפגעהאקט".
י. י. זינגער, פער 23, 271.

1951 " עס טרעט אויף א קבנישער ייד, |...| ער האט
537 גערעדט הײזעריקלעך און מעשה דרשן".
א. עפשטײן, פער 106, 1415.

1967 " |...| ער האט הײזעריקלעך א ברום געטאן".
518 קארפינאוויטש, 1.

ה יי ז ע ר = קוו א ר ט א ל - דער, =ן.

דזוו הייזערבלאק, ב׳ 1.

ה יי ז ק ע – די, =ס. פּקפּ פון הויז, צווייט פּקפּ הייזקעלע.

... " פאראן דארט א 'הייזקע', רופט מען זי די
'וואלווארט' |...|". 542

שלום=עליכם, 7א, 248.

1930 " |...| מען זעט דארטן גוטע הייזקעס, ברייטע גאסן,
די מענטשן זיינען בעסער אנגעטאן". 548

איינהארן, 7, 249.

1946 " |...| גאלד וועט איך רינען פון דעם דאזיקן הייזקעלע".

טרונק, 4, 287. 548/1

1960 " |...|ביידע אין די זעלבע בלעכענע הייזקעס,//
די זעלביקע ארעמקייט, גרוי אויף גרוי". 544

י. פרידמאן, 2, 52.

ה יי ז ק ע ס - די. במ. דזוו הייזלען (אלע ב"ב)

ה יי ט I - די, בא. (פד)

1. מצב , לאגע, מעמד (פ( ס׳רוב וועגן א שלעכטן מצב).

... " איבערגעלאזט אין אזא הייט |...|".

פרץ 561

1941 " האב איך זי געטראפן אין א הייט, אויף שונאי=ישראל

געזאגט". 566

אפאטאשו, פער 90, נ׳ I - 2, ז׳ 61.

.......................................................

רעד: 1. דאס קארטל גיט אן: פרץ, VIII, 36.

(אבער וועלכע אויסגאבע? וואסער ווערק?

ציטירט דורך זלאטניק(עחזעא?)

2. ס׳ווארט אליין איז פון אפאטאשוס בוך,

"פון יענער זייט בריק"און אנדערע דערציילונגען,

1910 - 12.אויב מע וואלט געקאנט געפינען די

ארגינעלע ציטאטע ווא ט געווען בעסער...

1963 " דער רב קאן זיך ניט צו גלייבן. א מענטש איז
563 געלעגן אין אזא היינט, וועט ער ווערן מיט א מאל
א שווינדלער?".
באשעוויס, 4, 54.

2. סופיקס צו אדיעקטיוו/אדווערבן, אין באטייט:
אין מצב פון געגעבענעם אדיעקטיוו:
% שיינהייט, שטילערהייט, לעבעדיקערהייט.

הייט !! – |די? מצ?|. בנב.

1968 " מען האט אונדז אריינגעטריבן |...| אין בהמה=

570 וואגאנען, אנגעפאקט זיבעציק נפשות אין א וואגאן.

|...| די שמוץ אינעווייניק איז געווען גרויס,

ס'האט געשטונקען נאך בהמה הייט".

ש. ראזמאן, יזב 20, דף רע"ז.

רעד: מיינע סברות: א) דיאל (עלט) מערצאל פון "הויט".

ב) הייט – לאגע, מצב, שטייגער, ס'הייסט: ס'האט

געשטונקען מיט בהמהשקייט". דאס צווייטע לייגט

זיך מער אויפן שכל. און אפשר איז עס א טעות

הדפוס און ס'דארף זיין "קויט"? =בהמה=קויט?.

(?ב?) ם הייס !!! – אדוו. הײַנט. מה"ד

1661 " |...| הײַט זײַנן מיר היא מארגן זײַנן מיר דורט

568 |אויף יענער וועלט| דאש גיט אלזו פארט".

יוסיפון, 2, הקדמה.

1717 " דער ווערט גיבארן אונ׳ דער שטערבט הײַט הלש עש

567 אן דעם אונ׳ מארגן אן איין אנדרן".

ס׳ החיים II, דף כ"ד.

(?נ?) ה יי ט IV - מצ פון הויט.

1701 " עורות - הייט".

569 שפה ברורה, דף ח/ב.

1732 " זיין אונזרה עלטרן גיוועזן קינדר פון לייט

571 זיין מיר קעגן זיא אז מיר מעכטן שטעקן אין איזלש הייט".

עיון יצחק, דף 1/ג.

ה יי ט א I - אינט.

1. א רוף צו א פערד, ס'זאל זיך קערעווען רעכטס.

2. רוף צו א פערד ס'זאל גיין, רירן זיך פארויס.

1878 " דער פויער איז געזעסן, געריי‌כערט גאנץ רויק דאס

ליולקעלע און איטלעכע רגע אויף די אקסן אונטערגעשריגן: 574

סאפ, הייטא, סאפ!".

מענדעלע, 16, 19.

1956 " וועט ער פערד און וואגן שפאנען// און הייטא -

אוועק פון דאנען". 578

גלאטשטיין, 1, 234.

ה י ט א !! - אינט.

1. רוף צו גיין, צו גיין פארויס.

2. אין רייד מיט קליינע קינדער געמיינט: גיין שפאצירן, ארויסגיין פון שטוב אין גאס אריין.

% מאמע, איך וויל הייטא!

1936 " אפגעזונגען, טוט דאס פייגעלע מיטן פיסקעלע

575 א פיק, דאס עפעלע פון צווייגעלע - אראפ, גלייך אין צדיקלס הענטעלע. כאפט דאס צדיקל דאס עפעלע און הייט|א| אהיים".

שטיינבארג, 3, 108.

(?נ?) ה יי ט י ק - אדי: הייגטיק.

1713 " דיא ריד פון דען הייטיגן טאג שמיני עצרת זיא

579 גדענקן אין אירי תפילה דען רעגן".

מחזור, 1, דף פ"ז.

ה יי ט ל - דאס, =עך. פקפ פון הויט, צווייטע פקפ הייטעלע.

1. דין הויטגעוועב וואס דעקט איבער אדער טיילט אפ
פארשיידענע ארגאנען אין קערפער פון מענטשן אדער
בעלי=חיים.

% דאס הייטל פון אויג.

1836 " אין א ין פערטיל שעה האט ער אראפ געשיילט די
593 שטאר פון זיינע אויגין אזו וויא איין האיישיל
פון איין איי".

איבז אנ, מעשה טאביא.

1901 " דארף מען שטארק היטן בשעת מען באדט דאס קינד,
603 אז ס'זאל ניט אריינקומען קיין טראפן וואסער אין די
אויערלעך, וויל דאס וואסער מאכט ווייך די הויט
און בלייבט נעבן דער פויקהויט, דאס הייסט דאס הייטל
וואס אן איר קלינגט זיך דאס אפ אלע טענער, אלע קולות".

איש יהודי, פער 37, נ' 22.

1921 " |...| דאס ווענטל פון אויגעפל באשטייט פון דריי

582 הייטלער, וואס ליגן איינס אויפן אנדערן".

איבן איסעל, 2, 14.

|1931-1926| " דער רבי |...האט| דערפילט אזא ליכטיקייט,

588 ווי מען וואלט אראפגענומען פון די אויגן א הייטל".

אפאטאשו, 10, 169.

2. דין געוועב, וואס דעקט איבער די ווארצלען, שטענגלען אדער פרוכטן פון געוויסע געוויקסן.

1900 " די אלע באשניידונגען |פון די ווארצעלעך| מוז

588/1 מען מאכן העכסט פארזיכטיק, עס זאל ניט פאררייסן דאס

הייטעלע, |...| ווייל אין אזונע ערטער קלייבט זיך אן

וואסער און זיי קענען אנהייבן פוילן".

וועללער, 1, 27.

1924 " די קערנער פון תבואה אנטהאלטן דעם וויטאמין B,

588/2 דער עיקר אין די הייטלעך |...|".

פער 151, נ' 9.

1972 " די עפל: פאפירוויוקעס מיט א דין הייטעלע,

605 די גרויסע ווינטערדיקע מיט א דיקער הויט |...|".

ב. שווארצבלאט, פער 155, X!/15.

3. (פיג) דינער באדעק, דינע הילע אויף עפעס.

1891 " ווען עס באווייזן זיך אויפן פעלד פיל ווילדע

597 געוויקסן, אדער די ערד האט זיך באדעקט מיט א הארט

הייטל, מוז מען דאס פעלד נאך א מאל בראנעווען".

וועבער, 1, 75.

1920 " דורך דעם פראסט הייטל אויף די שויבן גיסט זיך

587 היינט אריין מער ליכט ווי אלע מאל".

סעגאלאוויטש, 5, 81.

ם

**הייטל/הייטליין.**

-----> 1 (א).

1610 " דש אינשליטי דש דא בידעקט דש איינגיוויים, דש וואר

581 דש הייטליין דש אום ד א פונפצא איז דז איין וועלשין

הײשט סילה".

טייטש=חומש, שמות, כט - יג (רשי).

|1685?| " ווען דיא ריאה האט איין לאך גיהאט אונ׳ ווער

594 איין הייטליין דריבר גיוואקסן איז דאך טריפה |...|".

דרך הישר לעולם הבא, דף ל׳.

-----> 1 (ב).

ספעציעל וועגן הייטל אין וועלכן ס׳איז איינגעהילט

דער עמבריאן פון א קינד.

1721 " דש קינד דז דא נאך דרינן וואר אין זיין הייטל

596 האבן זיא |די קרייצטרעגער| אויך מאכן הרויש פליהן איר(נשמות)

מחזור, 2, דף כל"ו.

ה יי ט ל ע ן  ז י ך – אוטוו. באדעקן זיך מיט א הייטל,
קריגן א פעטע הויט.

|1926 – 1931| " בלויז רחלען האט ער אריינגעפירט אין
608 דער קאמער, איר געוויזן, ווי די הינער הייטלען זיך,
קריגן גריוון".
אפאטאשו, 15, 324.

## ה יי ט ע ר - <u>אדי/אדוו</u>.

1. אין א גוטער, געמיטלעכער שטימונג, אויפגעלייגט, אויפגערוימט, מונטער, פריילעך.

% הייטערע שטימונג. א הייטערער געלעכטער. פילן זיך הייטער. <u>מה"ד</u>:

1920 "...|וויל זי אים איינרעדן עפעס א גוטע זאך,
613 אז ס׳זאל אים הייטער מאכן".

<u>עוזר ווארשאווסקי, 1</u>.

... "ווען ס׳איז אפילו אפט באגליקט, אנטציקט און
618 הייטער |...|".

<u>בראדערזאן, 8, 151</u>.

1968 "אנ-סקי פלעגט דעם בחור |...| תמיד באגעגענען
618/1 מיט א ברייטן און <u>הייטערן</u> ׳גוט=מארגן׳, ווי זיין
שטייגער".

<u>ב.י. ראזען, יזב 2, 642</u>.

2. (עלט) ליכטיק, העל, לויטער.

% א הייטערער טאג און וואלקנס.

1917 " דאס איז ´דער ביטערער ´שכל´, וואס מוז אויף א

617 סך ערלעכע און ערנסטע אסימילאטארן ווירקן ווי א דונער

פון א הייטערן הימל".

זשיטלאווסקי, 6, 199.

O |הייטער=בלימל| ה יי ט ר ב ל מ ל י ן ,

ווייסער זענעפט (וושן: לויט אבן=שושן:

... " אורות - הייטר בלימלין, ונקרא כן על שם שמאיר

611 הענים (לפי יומה,ח - עב)".

רייכלין 8, מלכים ב׳, ד - לט.

| יהואש טייטש סתם: קרייטעכער|.

ה י<u>י</u> ט ע ר ן - <u>טרוו.</u> (<u>שנש</u>) מאכן הייטער,

אריינברענגען הייטערקייט.

1966 " די ליכטיק אנגעזוניקטע ווייצפעלדער גלעטן ס'אויב

631 <u>הייטערן</u> ס'געמיט".

<u>דעמבלין, פער 155, VI/19.</u>

1975 "|...| א שטיק קונצן=מאכער, א פאיאץ, <u>הייטערט</u>

630 ער די טרויעריק סומנע לייט, וואס דרייען זיך דא ארום".

<u>רעסלער, פער 14, III/14.</u>

(?נ?) |הייטערע| ה יי ט ר י - די.

1. הייטערקייט.

2. ליכט, שיין, לויטערקייט.

... " מנוגה - וון דר הייטרי, כמו נגה אור, ל׳,אורה".

612 רייכלין 8, שמואל ב׳, כב - יג. |תי: שימער|.

ה יי ט ע ר ק יי ט - <u>די/דאס, בא.</u> מצב פון זיין הייטער.

1939 " איך דאנק דיר, מיין קינד, וואס דו ווילסט

622 אריינברענגען א ביסל <u>הייטערקייט</u> אין אונדזער געדריקטער

שטימונג".

<u>קאדער, 1, 89.</u>

1949 " |...| האט געקאנט פארטונקלען מיטן ווינציקסטן

625 וואלקנדל דאס <u>הייטערקייט</u> פון זיין וויץ".

<u>טרונק, 7, 202.</u>

1972 " די שפאנונג פון אויסגעפוצטן עולם און די <u>הייטערקייט</u>

629 האט זיך אויך אים איבערגעגעבן".

<u>ראזענפארב, 3, 393.</u>

ה יי י אָ ר - אדור, היינטיקס יאר, אין דעם איצטיקן יאר.

% הייאָראיז געווען מער רעגן ווי פאר א יארן.

1940 " זיי גליען, אט די פונקען, ניט געשווינד,// מיר
635/1 וועלן זיי ניט אויפבלאזן נאך הייאר".

קושניראוו, 5, 140.

1971 " דער פרילינג הייאָר|טעקסט: הייער|איז א פרילינג נאך".
639 ב. העלער, 4, 153.

ם

הייאר.

1723 " דען קיין פורמן האט מן קענן קריגן צו הייאר//
638 אודר מן האט אין באצאלט גאר טייאר".

נייא קלאג ליד פון חורבן ק"ק ווָרמייזא.

ה יי י אַ ר י ק – אדי. פון איצטיקן (היינטיקן) יאר.

% הייאַריקע געשעענישן. דאס הייאַריקע גערעטעניש איז גרויס.

1945 " |...| פּאראַיאַריקער אַרבעס, אין צווייטן גרינט |?| הייאַריקער באַב אין די סטרוטשעס". 641/1

שניאור, 9, 6 |?|.

ה יי ? ק - <u>אדי.</u> (<u>שגש</u>) פון היי, ווי היי.

1936 - 1932 " דער שליאך גייט פארביי // און פארטיפט

זיך // אין <u>הייקע</u> פעלדער". 30

<u>לייוויק, 6, 460.</u>

ה י י ך - <u>די, =ן.</u>

1. דיסטאנץ צווישן דער באזע (אונטערשטער פלאך, קאנט) פון א זאך ביז צו איר שפיץ ( אייבערשטער פלאך, קאנט).

% די <u>הייך</u> פון צימער. די <u>הייך</u> פון בנין. די <u>הייך</u> פון דער שאפע. די <u>הייך</u> פון בוים דערגייט שוין צו 10 מעטער.

1865 "איר זאלט הייסן מאכן א קיילעכדיקן טיש |...|

658/1 און זיבן שטולן, אלע גלייך זאלן זיין אין דער <u>הייך</u> און אין דער ברייט |...|".

<u>איבז אנ, מצמיח ישועה, 1, דף ג.</u>

1926 "פארגלייכט די <u>הייך</u> פון גראז, וואס א פערד האט

671/1 ארומגעציפעט, מיט דער <u>הייך</u> פון גראז, וואס א קו האט ארומגעהריזעט".

<u>יאכינסאן, 2, 295.</u>

1966 " די הייך און גרעב פון ווענט - איעדער פינגערשפאן -//
דו וועגסט און מעסט און רעכנסט מיט א נעץ געמעלן". 671/2
האלקין, 4, 36.

2. (ספעציעל) דער ווהקס פון א מענטשן.

% דער דאקטאר פארשרייבט די וואג און הייך פון פאציענט.

1843 " דא שטונד זי אויף פון דר ערד אונ פון דעם אש און
איז איין גבאגט גשטאנן מיט איר הייך און האט זיך 658
ניט אויף גריכט".
ס' מצח אהרן, דף כ'.

1910 " קיין יאמער ווארט איז ניט ארונטער פון זיין צונג
|...|, נאר שטאלץ געשטאנען איז ער אין זיין גאנצער הייך|...|". 652/1
יהואש, 5, ליד "דאס ליד פון סוף".

1925 " מיין אסתר איז, קיין ע"ה, א הייך, א ריז, א שיינקייט|...|".
מוירער, 2, 14. 652

1963 "דאס אומקרויט, וואס איז דא געוואקסן, איז געווען די הייך פון א מענטשן". 652/2

באשעווים, 4, 25.

3. דיסטאנץ צווישן דער ערד=אייבערפלאך (אדער פון אן אנדער אבסערוואציע=פונקט) ביז צו אן אנדער אייבערפלאך (פונקט), וואס געפינט זיך הויך.

% בעת דער שריפה זענען מענטשן געשפרונגען פון דער הייך פון צווייטן שטאק. דער עראפלאן פליט אויף דער הייך פון 5000 מעטער.

1893 "די שפרינגט ארויף - נאר פון דער הייך דערזעט זי, אז דאס דערשראקענע פארחלשטע קינד איז אויפגעזעצט".

פרץ, 17, 90.

1930 " |...| איז מיר אלץ איינס אויף וואסער הייך

איך קלעטער |...|". 660

שומיאטשער, 2, 93.

1968 " |...| ער האט אויפגעהויבן זיין ברוין=אדערדיקע

האנט |...| צו דער הייך". 661

י. חנני, פער 9, זומער פון ראש=השנה, ז' 48.

4. הויך ארט, פונקט. (הארג, בערגל, הויכלאנד).

1819 " אלי הוהיחן קוקן ארובר איבר זיך".

איבז לעפין, קהלת, ה – 7. 678

1911 " איך ערגעצלאנד איז א הויכער בארג פאראן |...|

שפילן אויף זיין הייך די ווינטן די שטארקסטע".

פרץ, 17, 397.

1922 " א מאל, א מאל, אין שטילע טאלן שעפסן כ'האב
געפאשעט,// אויף די גרינע הייכן דארט געבלאנדזשעט
האבן אינדן |...|".
האפשטיין, 2, 9.

1941 " די פראכט ישראל איז אויף דיינע הייכן דערשלאגן".
668 תרגום יהואש, שמואל ב', א - 19.

1973 " דאס געזאנג פון די בערג אויף יהודהשע הייכן,//
668/1 דאס שטילע געמורמל פון די וואדיס און טאלן".
פוקס, פער 133, יאנואר, ז' 43.

5. הויך ארט אין כוללדיקן, אבסטראקטן זינען.

1843 " דיא תורה וואס דיא איז גיגלעכינט צו וואסער
642/1 ווארין זיא איז גיקומין פון דער הייער אין דער
נידריג אראפ".
איבן אנ, ספר שיח ספונים, 2.

1920 "א, די עקרהדיק הייך, מיט אויסגעבענטשטע ליכטער! -//
642/2 פארגייך דו מוזט אין טראגן פון א דיכטער |...|".
מארקיש, 1, 16.

1930 "און גראנדיק אין שווארצן אפגרונט טיף,// און
642/3 שטייגנדיק אומענדלעך צו די הייכן,// מיט איין
געדאנק - אין שפיץ פון העכסטן צווייג//די אייגענע
געהיימניש צו דערגרייכן".
איינהארן, 6, 86.

1969 "מיט דער זעלבער געניטשאפט און אויפטווערשאפט,
642/4 מיט וועלכער דער מענטש יאגט זיך אין די הייכן,
מיט דער זעלבער גיכקייט און דערפינדערישקייט האט ער
זיך געיאגט אין דער ירידה".
ה. זיידמאן, פער 69, 6/IV.

6. ווערט (איך סכום, אויסמעסט, אינטענסיווקייט).

% הייך פון טעמפעראטור. הייך פון אטמאספערישן דרוק.
הייך פון די פרייזן. די הייך פון דער עלטער=פענסיע
איז נישט צופרידנשטעלנדיק.

7. (מאט) דער העכסטער פון די פערפענדיקולארן, אראפגעלאזט
פון דעם שפיץ פון א געאמעטרישער פיגור אויף איר באזע,
אויך די לענג פון דעם דאזיקן פעפענדיקולאר.

8. (פיזיק) אייגנשאפט פון לאנג, אפהענגיק פון דער אפטקייט
פון דער לופט=וויבראציע.

% די הייך פון טאן. די גאמע איז די מאס פון דער הייך
פון די קלאנגען.

9. (פיג) ניווא, מדרגה.

% הייך פון דער טעכניק. די בילדונג געפינט זיך אויף א
געהעריער הייך. די דיסקוסיע איז געשטאנען אויף א פאסקער
הייך.

1912 " די גרויסע מענטשן |...| דינען פאר זייערע פעלקער
1219 אלס מאס, מיט וועלכער עס לאזט זיך מעסטן די הייך
פון דער אלגעמיינער קולטור=מדרגה פון דעם אדער יענעם פאלק".
זשיטלאווסקי, 4, 27.

1952 " דער ריטעם, מיט וועלכן ער דערנענטערט די ווערטער
665 איינס צום אנדערן, דער אנגעגליטער כוח, מיט וועלכן ער
שמידט זיי |...| דערהייבט זיי |...| צו א פאעטישער הייך".
ניגער, 7, 412.

1960 " פרץ הירשביין |...| האט ארויפגעקלעטערט צו די
682 העכסטע הייכן פון דער יידישער ליטעראטור".
גלאטשטיין, 2, 71.

0 אין דער הייך - אדור פר. אויבן, אויף אויבן.ארויף.
% קוקן אין דער הייך.

1893 " |...| און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן:
(2) דאס איז מיין פויגל, איך האב'ן געמאכט, איך האב'ן
ארויפגעשלאגן אין דער הייך!".
פרץ, 17, 96.

1914 " פון אנטן פלעגט זיך א מאל ארויפרייסן אהער
655/1 אין דער הייך, א געוויש פון איינציקע קולות".
ריבקין, 1, 10.

1956 " געגאנגען אין דער הייך איז א געשטעפ דורך
655/2 מיילער פון הארמאטן |...|".
מארקיש, 10, 194.

/7 אבסאלוטע הייך - |סטוטש 124| בנב.

הייך קאלנער - (שניידעריי) איינע פון די מאסן, וואס
מע נעמט אראפ צום אויפנייען א בגד.
|סטוטש 526|.

<u>זיין/שטיין אויף איין הויך (מיט עמעצן)</u> - זיין גלייך צו אים (אין פארמעגן, חשיבות, סאציאלן מעמד).

(?נ?) <u>ארבדז אין דער הייך, זיי אין דער נידער, מארגן שלעפן צוואנציק ווידער</u> - קינדערשע קללה.

|סטוטש 559|.

ם <u>הייך/היכט.</u>

-----> 1.

1700 " אונ די <u>הייך</u> פון קודש קדשים אונ היכל איז ניט העכער גוועזן אז דרייסיק איילן |...|". 646/1

<u>שבט יהודה, 1, דף ס"ד</u>.

---> 3.

1713 " אונ' זיין בונד האט ער אויף דיא ערד גיגרונד פעסט |...| דיא <u>הייך</u> פון איר באלקן האט ער גיבעלקנט דורך דיא אנרופונג גאטש".

<u>מחזור, 1, דף ס"ו</u>.

<-----4.

... " ראמות - הוהא |...|".

646/3 רייכלין 8, משלי, כד - ז.

1626 " אונ׳ דיא בערג האבן געשפרונגן אז דיא ווידר

646/4 (גבעות) אונ׳ דיא היך האבן גשפונגן אז דיא יונגי שאף".

ס׳ המגיד, 1, תהילים קי"ד - ד.

1723 " דיא אבגטר דינן אויף אלי היך זאלן פאר ווישט זיין".

681 ברכת המזון, דף לב.

<-----5.

1696 " עש איז קיין ענד צו דיינר היך אונ איז קיין סוף

673 צו דיין טיפן מידות".

|סידור| תפלה למשה, דף קס"ג.

^0 אין דער היך.

1717 " אונ׳ דיא הענד |פון מת| ליג מן גלייך אויף דיא

677 זייט איך (ארוך) |...| אונ׳ שטעקט מן זיא דיכט ארייך דז

זיא ניט קענין אין דער היך קומן".

ס׳ החיים !![!], דף קי"ט.

(?נ?) ה יי כ ו נ ג - די, בא. אקט פון הייכן.

... " הימל אוקנ ערד ווען רופן דיין הייכונג מיט

705 די קעלן פיל ברומונג |...|".

מחזור 4, דף פ"ו.

(?נ?) |הייכלעך| ה י כ ל י ך - אדוו. זייער, העכסט.

683 |...17| " דא זאל איינר וואונדר איבר אלי וואונדר
גיהערט האבן וואס זיא פאר ציהרלכי אונ׳ וואול גישלאסיני
ריימן דא מאל פאר בראכטן אלזו דס מן זיך היכליך
פאר וואונדרן מוזט, וואו הער זיא זאלכי קונשט גלערנט האבן".
שילדבורגר זעלצאמי |...|, קאפ׳ 17, ציט אווועך, דדד.ז׳482.

ה יי כ ל ע ן – אוטוו, פאר געהייכלט. (עלט/דיאל)

זיין צוויי=פנימדיק, מאכן אן אנשטעל, פארשטעלן זיך, חנפענען.

1944 " ניט חנפענען און הייכלען // פאר א שטיקל ברויט".

נאדיר, 12, 141. 691

1966 " גענוג שוין געהייכלט, // גנבהש געשמייכלט,//

געקראכן און זיך געבוקט |...|". 689

מ.ל. האלפערן, ציט שי. ביקל, פער 69, T/29.

הייכלען.[ם]

1799 " ווער אם בעסטן נור קאן הייכלען // אונד פיין

קאן דיא גראסען שמייכלען |...|". 690

דיא מוזיקאנטן, ז' 6.

.............................................................................................

רעד: דודען גיט עס אן (                    )פון פרי=נייהויכדייטש
(באטייט:שמייכלען)און ער פירט עס גרויס פון מה"ד     , אין יידיער הייכלען
שמועסשפארך איז דא (אפ)כוירען, כויכלען |סטוטש 363|מיט אן ענלעכן באטייט ...

ה יי כ ל ע ר - דער, =ס. מצ דז. (עלט/דיאל).
דער וואס הייכלט (א חונף, א פאלשער מענטש).

1911 " פארוועוסט! ליבע שמייכלער// גוטע פרומע, שטילע הייכלע[ר]!"

693 באוושאווער, 3, 177.

1912 " ער באזיצט אבער טאקט, א מאדערנער שמייכלער!//

692 ער ווייסט ווען און ווי צו זיין א הייכלער!".

חגלה |...|, 1.

ם הייכליר.

1760 " ותקות חנף תאבד - הייכליר (היוב ח׳)".

694 מלים לאלוה, ז׳ 27.

ה יי כ ל ע ר יי - דאס/די. (עלט/ דיאל) דאס צושמייכלען זיך, חניפה.

1895/1894 " איך אטעם פריי אין דיינע שריפטן,// איידער
696 עס דרוקט זיי דאס בליי,// איידער די וועלט הייבט אן
זיי פארגיפטן// מיט צינישער הייכלעריי".
עדעלשטאט, 1, 3.

1908 " דער טויט האט ניט אין זיך קיין פאלשקייט,
695 הייכלעריי און פארטייליכקייט".
יעקב גארדין, 3.

ה יי כ מ ע ס ט ע ר - דער, =ס. אפאראט. צו באשטימען (מעסטן) די הייך פון א געוויסן ארט, פונקט אין פארהעלטעניש צו דעם ים =שפיגל; אלטימעטער.

1967 " דער הייכמעסטער |פון עראפלאן| האט באוויזן אנדערהאלבן טויזנטמעטער". 688

ה. האפמאן, פער 131, נ׳ 2, ז׳ 65.

ה יי כ ן - טרוו.

1. (שנש) אויפהייבן זיך הויך, איך דער הייך.

|1939-1937| " און ערגעץ מוז א פערלשלאס איצט הארן//

699 אויף א בארג א גילדענעם, און ס'קריכט // צו אים אן איך,

וואס הייכט און איכט,// און אט=אט=אט באריךט ער שוין

דאס ליכט, וואס טוט פון אלע טויזנט שויבן שפארן".

סוצקעווער. 3, 164.

2. (פיג) דערהייבן, הויך האלטן(עמעצן), הויך אכטן,

אפגעבן גרויס כבוד(אפטער אין פאסיוו:איז ווערט געהייכט.).

1883 "ווויל צו די מענטשן, וואס ווייסן מיחד צו זיין דעם

701 מלך מלכי המלכים און צו הייכן זיין הייליקן און ליבן נאמען,"

אנ, גופת צופים, 2, דף י.

1910 " מען האט מיט דעם ברילִיאַנט אזוי פיל פסקיסן
געפסקנט, אזוי פיל גענומען און געגעבן,|...| אזוי
פיל מענטשן געהייכט |טעקסט: געהויכט| און געקרויינט
און אנדערע איך קייטן געשמידט |...|".
פרץ, 17, 395.

1919 " מיט צוויי זאכן האט די תורה דא געגרעסערט און
701/1 געהייכט |טעקסט: געהויכט|די מצווה פון כיבוד אב ואם|
מער פון אלע מצוות |...|".
זאלער, 1, 64.

... " ירושלים איז געהייכט און פרינציק |...|".
702 סוצקעווער, פער 24, 294.

3. (דיאל?) הויכן (שטיל בלאזן, ווייען) .

1975 " זי |די מומע יענטל| האט געהאט געגעסן מיט

קאנק אונדז די בייטאגיקע סעודה. ס'האט געהייכט פון איר מיט

שבתדיקער מנוחה".

באשעוויס, 6, 111.

........................................................

רעד: כ'מיין אז ס'איז סתם א טעות הדפוס. אויב נישט,

איז ניט קלאר דער באטייט פון ווארט – צו די באטייטן

פון "הייכן" פאסט זיך דא גאר ניט.

........................................................

/7‾ געהייכט און געקריינט – זייער טייער/הויך געהאלטן,

שטארק געשעצט.

... " קיין אומה ולשון איז דארט ניט אזוי געהויגן, געהייכט

702/1 געהייכט און געקריינט |טעקסט:געהויכט און געקרוינט|

ווי דער ייד".

שלום-עליכם, 7א, 250.

ם

**היכן.**

-----> 2.

1696 " |...| גאט איז איין ריכטער, דעם ער נידרט אונ׳

703 דען ער היכט".

|סידור| תפלה למשה, דף שנ"ט.

ה יי כ ן ז י ך - אוטוו.

1. (אויפ)הייבן זיך הויך, געפינען זיך/זיין העכער איבער עפעס.

% די טורעמס הייכן זיך איבער דער גאנצער שטאט.

1948 "דער טאג האט זיך געהייכט |טעקסט:געהויכט|

1466 אין פראכט, און בלוט געשפיגלט האט פון זון דאס גאלד זיך |...|".

מארקיש, 9, 78.

ה י י כ ע נ י ש – דאס/דער, =ן.

1. (עמפ) גרויסע הייך.

% קוקט נאר א הייכעניש פון א מענטשן – ווי א ריז!

2. (עלט) הויך ארט, בארג.

1914 " ער |גאט| ריכט אויף זיין מלוכה און איז מאריך אף,

685 ער הייבט אויף די ווייכע הערצער, אויף דער הייכעניש

מאכט ער זיי טרעטן".

איבז אנ, סדר סליחות 2, ז׳ 51.

ה יי ל - די, =ן.

1. נאטירלעכע גרעסערע פארטיפונג, אויסהוילונג אין
דער ערד, אין א בערגאמסיוו, מיט אן עפענונג אויף דרויסן.

% א טיפע הייל. די ערשטע מענטשן האבן געוווינט אין היילן.
אין דער הייל זענען דא סטאלאקטיטן.

1850 " |...| די בעלי=האמת וועלן זיך איינזאמלען |...|
און וועלן אנטלויפן |...| אין די היילן, אין גריבער 724/1
פון די ערד".
מכיר, 2, 3.

1910 " |...| פון זומפן און היילן ציט זיך פריי/איר
שווארצע בייזע מאכט |...|". 713
פרוג, 1, 111.

1910 "|...| איז דאס א מאדנע הייל געווען! די גרויסע
שטיינשטיקער, פון וועלכע ס'האט וואסער אראפגעקאפעט, 731
האבן זיך איבער זיי אין סאמע פארשיידן ווילדע פארמען
אראפגעהאנגען |...|".
איבן דער נסתר, 2.

1945 "|...| איז אפשר אים גראד דורך דער הייל דא
באשערט דערזען די קיין מאל באטראטענע ערד". 731/1
האלקין, 3, 61.

2. פארטיפונג אין דער ערד, גרוב, ווו ס'האלטן זיך אויף
געוויסע בעלי=חיים;

% דער וואלף ליגט אין זיין הייל.

1894 "ער |באנציע| האט מורא |...| דער חלום זאל נישט
פארשווינדן, ער זאל זיך ניט אויפכאפן ערגעץ אין א הייל
צווישן שלאנגען און עקדעשן".
פרץ, 17, 119.

|1957?|   " |...| זיינען אלע חיות=רעות אונטערגעווארפן
פאר זיי |די צדיקים|, אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר ביי
דניאלן אין דער הייל פון די לייבן".
איבז אנ, ליקוטי אמרים, ז' 120/ 60|?|.

3. (פיג) פייכט און פינצטערע וווינונג, געגליכן צו א הייל.

... " דא באווייזט זיך א ווארשטאט פון א שניידער –
א פינצטערע הייל, פון וועלכער עס שלאגט א דיקער גערוך 720/1
צום אנטאפן |...|".
פרץ, 11, 125.

4. א פארטיפונג, אויסהוילונג (אונטער א בניין אין הויף
אין א גארטן), מין קעלער וואס מענטשן גראבן אליין
אויס צו פארשיידענע צוועקן, ס'רוב צו באהאלטן עפעס
אדער זיך אליין פאר א סכנה.

% דאס גאלד האט מען פארגראבן אין א הייל אין גארטן.

1865 " זענען מיר שוין אין דער הייל, ווו די שיינע אדעליע

732 ליגט און שלאפט |...|".

רוף, 1, 9.

1914 " זיי זיינען אלע אראפ אין הייל |...| . מען האט

738 דארטן געפונען צימערן אן א צאל. עס איז געווען

איינגעארדנטע וווינונגען |...|".

א.מ. גליק, 1, 16.

1930 " און געהיימנישפול זעט עס דארט אויס, ווי א הייל

717 פון גזלנים |...|".

איינהארן, 7, 59.

1951 " מען פלעגט דערציילן, אז |...| אונטערן שלאס

1723 |אין ווילנע| זאל זיין א הייל, ווו עס איז באהאלטן אן אוצר".

א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 1232.

5. (שגל) באהעלעניש אויסגעגראבן אונטער דער ערד (בונקערס)

ווו. יידן האבן זיך אויסבאהאלטן פאר די נאצישע רוצחים.

1953 " לאנגזאם האט זיך די נאכט אונטערגערוקט, עס איז

טונקל געווארן, מען איז פון די היילן ארויסגעקראכן, 733

כדי נייעס זיך צו דערוויסן".

ל. רייזער, פער 44, נ׳ 7, ז׳ 35.

1971 "דאס באהעלטעניש איז געווען א הייל,צוגעגרייט ספעציעל

פאר אונטערערדישע צוועקן". 710

ל. ווונדע, יזב 7, 303.

0 הייל=איינוויינער - דער, =ס. מצ דז. היילמענטש.

היילנמענטש - דער, =ן. די גאר ערשטע, פרימיטיווע מענטשן

וואס האבן געלעבט אין היילן.

1974 " יעקל פראגער האט אויסגעזען ווי א ווילדער באוואקסענער

היילנמענטש |...|". 742

י.י. טרונק, יזב 17, 250.

7/ פינצטער/חושך ווי אין א הייל - שטארק פינצטער.

ם היל/הויל. מה"ד:

1544 " גוט יתברך קאן וואל טויטן אונ' מאכן לעבנדיק//

707 ער מאכט נידרן אין דיא הילן אונ' הילפט אויך ווידר דיק".

שמואל=בוך, סטר' 44.

1668 "אונ' זיא לופן אין א ינן וואלד אונ' זיא גיפאנדן

721 אל דא איין הוילי אונ' זיא גינגן דאריין אונ' זיא

פר בארגן זיך".

יוסיפון, 3, דף רמ"א.

1711 " וויא נוא ר' שמעון עם בנו ר' אלעזר זיין פֿר

715 בורגן גיזעסין אין איין היל י"ג שנה |...|".

נחלת צבי, 1, דף ג/א.

ה יי ל =.;. – באשטימטייל פון צונויפהעפטן, באטייט:

וואס היילט, ווו· מע היילט.

% היי<u>ל=איי</u>גנשאפט. <u>היילמיטל.</u> <u>הייל=אינסטיטוציע.</u>

0 <u>הייל=אייגנשאפט</u> – <u>די, =ן.</u> אייגנשאפט צו קענען (אויס) היילן א קראנקייט.

% מע ניצט אויס די <u>הייל=אייגנשאפטן</u> פון געוויסע מינעראל=וואסערן.

1968 "די פארשונגען איבער די קלימאטישע <u>הייל=אייגנשאפטן</u> פון אטוואצקער וואלד זענען באררייכערט געוואָרן מיט נייע דערפארונגען וועגן דער אומגעהויערער באדייטונג פאר די אטעם=קראנקען |...|". 1014/1

<u>ש. קאנץ, יזב 2, 87.</u>

<u>אייל=אינסטיטוציע</u> – <u>די, =ס.</u> אינסטיטוציע ווו, מע היילט קראנקע.

1947 " די קינדערהיים איז געווארן נישט באר א

1016 דערציערישע |...| און היילאינסטיטוציע פאר די קינדער,

נאר אן אמתע היים".

יזב 8, 72.

**היילאנשטאלט** - דער, =ן. דזוו דפוו.

1867 " מיר ווינטשן די הערן דירעקטארן |פון| וויכטיקן

1022 היילאנשטאלט גליק אין אלע באציונגען".

ארז, פער 177, נ' 22, ז' 169.

1968 " אין יאר 1890 האט ד"ר גייזלער |...| אויפגעשטעלט

1024 דעם ערשטן היילאנשטאלט |אין אטוואצק|".

ש. קאנץ, יזב 2, 86.

**היילארט** - דאס, ~. ערטער. קוּראָרט.

1974 " |...| אז עס איז א היילארט פאר הארצשוואכע

1027 און נערוון=מידע, טאר מען זיך דאך נישט קריגן".

עלבערג, 2, 288.

<u>היילבאלזאם</u> - <u>דער, =ען.</u>

1. זאלב פון באלזאם וואס מע האט פאר צייטנס גענוצט צום היילן וווּנדן.

2. (<u>פיג</u>) גוט מיטל, עפעס וואס היילט, מאכט גרינגער.

1908 " די זעלבסט=איינבילדונג דינט דעם גלייבנדיקן

1029 יידן אדער קריסט אלס <u>היילבאלזאם</u>".

<u>לעססער, 1, 7.</u>

<u>היילבלאטע</u> - <u>די, =ס.</u> באזונדער מין זומפיקער באדן, רייך אין געוויסע כעמישע שטאפן, וואס האבן היילן=אייגנשאפטן.

1951 " גאר א מאל איז אוטיאָן געוועזן שם דבר מיט

1030 אירע בלאטעס, ניט <u>היילבלאטעס</u>, ווי אין בירטשאן |...|".

<u>אוטיאנער, פער 106, 1577.</u>

הײלבעדער - די, מצ. בעדער פון באַזונדערע מינעראַל=
װאַסערן, װאָס האָבן הײל=אײגנשאַפטן.

1972 " |...| אין ביסאַ, װוּ ײדן פלעגן פאָרן אַהינצו
1031 אין די הײלבעדער, איז אַפּילו קײן ײדישער צײכן ניטאָ".
י. שמולעװיטש, פער 155, 1/IV.

(?נ?) הײלברונעם - דער, =~ברינעמער. "דזװר הײלקװאַל"|קטװו|.

הײלגראָז - דאָס, =ן. מין גראָז (קרײַטעך, געװיקס)
װאָס האָט הײל=אײגנשאַפטן.

% פאַר צײַטנס פלעגט מען דער עיקר הײלן מיט הײלגראָזן.

הײלװאַסער(ן) - דאָס, =ן. װאַסער װאָס איז רײַך אין
געװיסע כעמישע שטאָפן, װאָס האָבן הײל=אײגנשאַפטן.

1935 " אין דער לעצטער צייט האבן מיר דאך דערקענט די אומגעווינלעכע אייגנשאפטן פון אייזן=אקסיד, וואס גיט באזונדערע מעלות די דאזיקע היילוואסערן".

מאץ, 1.

ה יי ל מ י ט ל - דאס, =ען.

1. עפעס וואס היילט א קראנקייט; רפואה, תרופה.

% מע האט אויסגעפונען א ניי היילמיטל קעגן טובערקולאז.

1948 " דער שפיטאל איז געווען איבערפולט, |...| די
דאקטוירים זענען געווען אומעבטיק, ערשטנס האט זיי 1043
געפעלט היילמיטלען, צווייטנס, איז געווען באגרענעצט
די באוועגונג איך געטא |...|".
פער 44, נ' 2, ז' 23.

1974 " |...| מען האט באזארגט די היילמיטלען און
געלטמיטלען, וואס זענען געווען נייטיק פאר א 1043 1038
וויטאמין=רייכער צוגאב=באשפייזונג".
רחל אויערבאך, 2, 317.

2. (פיג) עפעס וואס העלפט, מאכט גרינגער, בעסער.

1896 " גאט האט געגעבן טרערן די אומגליקלעכע פאר א

1041 פאר א היילמיטל".

ו. שפירא, 1, 112.

1925 " אויף תורה=לערנען איז געזאגט געווארן |...|

1042 דאס זי איין היילמיטל איז פאר דעם גאנצן גוף".

ליכטענשטיין, 2, דף ו׳.

**היי̱ל=מכשיר** |מאכשיר| – דער, =ים. איינריכטונג, אפּאַראַט, מאשין געניצט צו היילן קראנקע.

% אין שפּיטאל איז דא א רענטגען=מאשין און אנדערע היי̱ל=מכשירים.

1962 " עס איז פאראן |...| א ביקור=חולים |...|.

1046 ער פארמאגט אויך אן אייזקעלער און אנדערע היי̱ל=מכשירים, ווי פּענכערס, וואנעס אד"גל".

ח. לונסקי, 1זב 1, 218.

**היילמעטאד** – דער, =ן. אויפן, שיטה צו היילן קראנקע.

% מאדערנע היילמעטאדן. געוויסע דאקטוירים קערן זיך אום צו אמאליקע היילמעטאדן, ווי היילן מיט גראזן אד"גל.

1938 " די אינדיווידואל=פּסיכאלאגיע איז לכתחילה

1046/1 אויפגעקומען ווי א היילמעטאד אין דער באהאנדלונג פון פּסיכישע קראנקייטן".

איבז א. דאדיוק, 1.

**היילפונקט** – <u>דער, =ן.</u> אפטייל (פיליאל) פון א הייל=אינסטיטוציע (פון א קליניק, קראנקן=קאסע) ווו מע גיט די ערשטע הילף א קראנקן.

**היילפלאסטער** – <u>דער, =ן.</u> פלאסטער וואס מע לייגט צו צו א ווונד.

**היילצענטער** – <u>דער, =ס/=ן.</u>

1. הייל=אינסטיטוציע.

2. ארט ווו ס'זענען דא א סך הייל=אינסטיטוציעס, אדער וווהין ס'קומען א סך קראנקע צו היילן זיך.

1968 " בערך אין די יארן |1919| האט אנגעהויבן דער אויפשטייג |...| פון אטוואצק אלס <u>היילצענטער</u>". 1040

<u>ש. קאנץ, יזב 2, 389.</u>

**הײלקוואַל** - דער, =ן. וואַסערקוואַל וואָס האָט געוויסע כעמישע שטאָפן, וועלכע האָבן הײל=אײגנשאַפטן.

1929 " דאָס באַנוצן זיך מיט נאַטירלעכע הײלקוואַלן,

1052 וועלכע גיבן אַזעלכע גוטע רעזולטאַטן בײַ שטערונגען אין שטאָפבײַט, בײַ האַרצקראַנקײטן און רעוומאַטיזם |...|".

פער 70, נ' 8 - 9.

**הײלקונסט** - די, באַ. די ספּעציאַליטעט צו הײלן קראַנקע.

1925 " |...| מיט דעם העלפט נאָר די מעדיצין דער נאַטור

1055 און אין דעם באַשטײט טאַקע דער עיקר די הײלקונסט".

צ. שאַבאַד, פער 151, נ' 3.

**הײלקורס** - דער, =ן. דאָס דורכגײן אַ פּראָצעס פון הײלן במשך פון אַ באַשטימטער צײַט.

1868 " דער <u>היילקורס</u> דויערט 6 וואכן און קאסט נעט אין

דעם אנשטאלט 57 רו"כ". 1056

<u>פער 177, נ' 23, ז' 169.</u>

<u>היילקראפט</u> – <u>די, בא.</u> <u>דזוו היילל=אייגנשאפט.</u>

1927 " דורך אינטויציע |...| פילט דאס פאלק די באדייטנדע

<u>היילקראפט</u> פון וויין, איבערהויפט ביי די קראנקייטן 1057

וואס ברענגען צו אפצערונג, ווי שווינדזיכט, בלוט=ארעמקייט

אד"גל".

<u>באגנאשייבסקי, 1.</u>

<u>היילשטאף</u> – <u>דער, =ן.</u> שטאף וואס היילט א קראנקייט.

1908 " זייער ארעמע, וואס זענען קראנק אויף פיבער,

מוזן שטאט כינין זיך קורירן מיט באפע, אבער נישט 1059

קיין געברענטע, ווייל אין רויע קערנער שטעקט מער

<u>היילשטאף</u>".

<u>איבזאנ, דער אוצר פון געזונד |...|, ז' 26.</u>

(?נ?) ם **הײלמײנשטער** – דער, רופא, דאקטאר.

1679 " |...| דען איך בין גאט דײן **הײל מײנשטער**".

1037 בליץ, שמות, טו – כו.

(?נ?) ה יי לם - פרעד אדי/אדוו, אויך סובסטאנטיווירט.

געזונט (ניט קראנק), אויסגעהיילט/פארהיילט.

מה"ד:

"מיין ליבר הער גוט יתברך מוש די געבן גלויק 1544

752 אונ' הייל".

שמואל=בוך, סטר 457.

" ער ווערט שלאגן דיך גאט מיט גרינט מצרים אונ' 1610

752/1 מיט וייך בלאטרן |...| דש ניט דיא מאגשט צו ווערדן הייל".

טייטש=חומש, דברים, כח - כז.

" ווען איין מכה גאנץ הייל איז און ער פערכט זיך 1723

747 דז אים ניט ווידר אויפרייסן, דא טאר ער וואול דרויף

|אום שבת| ליגן טיכר".

לב טוב, 2, 78.

ה יי ל א יַי ז ן - דער, =ס. "(טאקעריי) מין עקבויער"|קסור|.

.....................................................................

רעד: 1) איך קארטל איז דא אן אנמערקונג: "טערמ׳ 21"
וואס איז דאס פאר א טערמינאלאגיע?

2) ווי אזוי לייענען היילאייזן אדער היַילאייזן?

מיינע א סברה: סע דארף זיין "הוילאַיזן" -
אן עקבויער אויסצוהוילן.

.....................................................................

ה יי ל <u>א</u> ל ץ - <u>דאס, בא</u>. (<u>נש</u>) עפעס וואס היילט יעדער

קרענק (<u>אויך פיג</u>)

|<u>אוּוו</u>|.

.................................................................

| <u>רעד:</u> די ניישאפונג איז קינסטלעך און איבעריק - |
|---|
| ער טייטשט עס: און דאס איז אן איבעע |
| אינטערנאציאנאליזם, מ'האט עס אויך גענוצט אין |
| יידיש... |

.................................................................

ה יי ל אָ נ ק ע - "די, =ס. א באָדן=שטח (ס'רוב
לעבן א טייך, אזיערע, אין נידעריקערע ערטער)
מיט גראָז, צו באַקומען היי; פאַשעפעלד=געמויזעכץ.

% די טשערעדע פאשעט זיך אויף דער הייאלנקע.

1948 " די אומגעגנט פון שטעטל איז געווען א פראַכטפולע:
49 שיינע קאר און וויייצפעלדער, הייאלנקעס |...|,
א קליין טייכל".
פער 44, נ' 2, ז' 60.

(?נ?) ם ה יי ל ב א ר - אדי/אדוו. (דטשמ) וואס לאזט זיך הײלן, וואס מע קען עס הײלן.

% א סך פון די ראק=קראנקייטן זענען נאך איצט ניט הײלבאר.

מה"ד:

ה יי ל ו נ ג  -  די, =ען.

1. אקט פון היילן (זיך), ב׳ 1; דאס היילן (זיך).

% כירורגישע היילונג. קליגישע היילונג. אומזיסטע היילונג.
די היילונג האט געדויערט עטלעכע וואכן.

1935 " |...| די יעניקע ענינים, וועלכע האבן געפאדערט
|...| א גרעסערן אינטעלעקט, צו זיי האט |...| 974
געהערט די היילונג |...| די חכמים = פריסטער |...|
זיינען גלייכצייטיק געווען די דאקטוירים |...|".
מאץ, 1.

1972 " די יסורים אין זיין מויל זיינען געווען לאנגע
טאג=טעגלעכע שאק=היילונג, וואס האט געצופט די נערוון". 970
ראזענפארב, 2, 530.

2. אקט פון היילן (זיך), ב׳ 2.

1936 " און דו |גאט| גלוסט צו דער תשובה, דאס איז

א היילונג צו אירע זינד". 971

איבז אנ, מחזור, 5, 194.

1945 " איך גיי צו דיר, ווי נאך א היילונג,// אויב

ס׳בלוט, וואס רינט אין הארץ, איז הייליק". 985

האלקין, 3, 108.

3. רפואה, היילמיטל. ס׳/ פאר סוראפ איז אן גלאט היילונג צו הייזעריקייט.

|1936?| " און פאר דער מכה האסטו געפעדערט דיין היילונג,

און פאר די קראנקייט האסטו געלייגט דיין רפואה |...|". 972

איבז אנ, מחזור, 6, 117.

1948 "עס האט זיך צוגעדעקט די קרוין פון וואלד,//

א יידער ווינטעלע זיך צוגעלייגט האט ווי א היילונג".

מארקיש, 9, 40.

0 <u>היילונג=אינסטיטוציע</u> - <u>די, =ס.</u> אינסטיטוציע וווּ מע היילט קראנקע.

<u>איילונג=אנשטאלט</u> - <u>דער, =ן.</u> (<u>דטשמ</u>) <u>דזוו דפוו</u>.

<u>היילונג=קאסטן</u> - <u>די, מצ.</u> דער געלט באטרעף פאר היילן א קראנקן א געוויסע צייט.

% די קראנקן=קאסע דעקט אלע <u>היילונג=קאסטן</u>.

◻ <u>א היילונג צום הארצן</u> -

1. וועגן א געשמאקער זאך.

2. וועגן טרייסטווערטער, גוטע רייד.

1661 " אונ׳ ער פר דערבט זיא זער דש גאר קיין <u>היילונג</u> ניט מין דא וואר". 983

<u>יוסיפון, 2, דף רל"ב.</u>

----> 2.

1740 " אזו איך דש היילונג פון דיא נשמה מוז דער
988 רשע פר לאזן זיין ביזן וועג |...|".

דרישת הזאב.

-----> 3.

1602 " נימט דר דא זאגט דאז דיר איין רופא העלפין קאן
977 מיט זיינם פלשטר איין היילונג דאז דיר זעלט גיהאלפין
ווערדן".

ס' ירמיה, ל - יג.

1716 " איך וויל אויף ברענגן צו איר איין פלסטרונג
982 אונ' איין היילונג אונ' וויל היילן זיא".

ס' המגיד, 3, דף ע"/'.

(?נ?) ה יי ל ז א ם[ם] - אדי/אדוו. וואס היילט, ברענגט היילונג (אויך פיג) מה"ד:

1713 " ווער און ביזונך מיט ווארטך ארויש פארט, דש שטעכט
1000 וויא יין שווערט, אבר דיא צונג דש ווייזן איזט היילזאם".

1764 " די בוועגנש גרינדי צו דיזום היילזאמין ווערק
999 זיינך דש מיך דיא ערפהרונג הוט גלערנט ווען איין קינד
איך זיינם ערשטך לימוד ניט רעכט אינפורמירט ווירט,
איז דש איין פעלר דער נימר צו היילן איז".
אבן ישראל, הקדמה.

רעד: ביידע ציטאטך זיינען, דאכט זיך, פור דייטש...

(?נ?) ה יי = ל יי ף - (שגל) "בעלי=מלאכות אין פלאשעווע לאגער: וואס האבן געהאט בעסערע אויסזיכטן צו בלייבן לעבן, ווי נוציקע יידן (ג"ע)".

בלומענטאל, פער 90, נ' XXI - 3.

ה יי ל י ק - אדי/אדוו.

1. העכסטער אטריבוט פון גאט (געטער),געטלעכקייט, אויך פון איבערערדישע מיט גאט פארבונדענע וועזנס און דערשיינונגען.

% הייליקער גאט. הייליקע מלאכים. הייליקע שכינה.
(קריסטלעך) די הייליקע מוטער (די מוטער פון ישו).
דער הייליקער גייסט. די הייליקע דרייאייניקייט.

1836 " דער הייליגער מלאך פון גאט זאל אייך באלייטן
813/1 אויף דעם וועג און זאל אייך גזונדער הייט ברינגען
אויף איין ארט".
איבז אנ, מעשה טאביא.

1909 " הייליקע געטין פון ליכט! ביי דיר אין די
813/2 הענט// איז דער סצעפטער פון מענטשלעכן פרידן און גליק".
עדעלשטאט, 4, 367.

1936 " ער |גאט לעבט און איז באשטענדיק, פארכטיק און

דערהויבן און הייליק |...|". 813/3

איבז אנ, מחזור, 5, 107.

2. (וועגן מענטשן) מאראליש שלמותדיק, דערהויבן, געאכפערט

פון מענטשן פאר זייערע פרום און גערעכטיק לעבן

און מעשים טובים, און (לויט דעם גלויבן פון פאלק)

אויך מיט קענען אויפטאן וווּנדער.

% הייליקער צדיק. הייליקער רבי. דער הייליקער בעש"ט.

די הייליקע אמהות.

(ביי קריסטן) דער/די וואס איז דורך דער קירך קאנאניזירט

געווארן ווי א הייליקער: הייליקער פעטער. הייליקע טערעזע.

1838 " אונזר פאטר איז איין הייליגר מאן, זיין מוסר איז

אויך איין אשת חיל גוועזן, וויא קומט ער זאל אזו 873

איין שלעכטיר פון זייא גבארין ווערין".

פאוויר, 2, דף ג.

1898 "אונדזערע הייליקע תלמודיסטן |דא:בעלי-התלמוד|
787/1 זאגן אונדז מיט זייער גרויסן פארשטאנד:בני קורח לא מתו!
קרוכס קינדער זענען נישט איינגעזונקען געווארן,
עס איז נישטא איין דור, וואס מען געפינט נישט זייערע
גילגולים".
יהודה=לייב מארגענשטערן, 2, 9.

1907 "|...| די ביסט א הייליקע! |...|".
787 שלום=עליכם, 15, 149.

1923 "זי נעמט מיר וווּנדער פון אן אור-זיידן דער ציילן,//
800 און קוקט פאר זיך דורך אירע אכציק יאר.// זי זעט
אין ווייטער קראקע אים, דעם שיין פון פוילן,//
דעם הייליקסטן און גרעסטן פון זיין דור".
ליעסין, 1, 53.

1937 "דער יריד פון הייליקן מארטשען דערנענטערט זיך |...|".
800/1 בורשטין, 2א, 110.

1960 " מלכים מיט קרוינען און הייליקע אין ווייסע
800/2 געוועבדער,// גאוןהדיקע קלויסטערס און דערשראקענע
קלויזן |...|".
י. פרידמאן, 2, 5.

3. זאכן און באגריפן, וואס ווערן געאכפערט דורך מענטשן
צוליב זייער שייכות מיט רעליגיע און רעליגיעזן קולט.

% הייליקע תורה. הייליקע ספרים. א הייליקער יום=טוב.
דאס הייליקע לאנד. די הייליקע שטאט ירושלים.
(קריסטלעך) הייליק בילד. הייליק וואסער.

1816 " דש בין איך מוסר מודעה אונ נעם צו עדות הש"י
878/1 |...| אונ די הייליגע ספר תורות |...| אז דר שטן
וועט קומן אונ וועט מיך חס ושלום אן ריידן |...|
זאל אלטץ זיין בטל ומבוטל |...| אז מיין נשמה זאל
קומן קלאר אונ לויטר פר הקב"ה".
ממלא |...|, תחינה |...|.

1899 "|...| און תיכף, ווי ער קומט אריין צו זיי, רעדט
ער ארויס דעם הייליקן שם |...|". 878
מענדעלע, 8ב, 43.

1910 " די הזנים |...| מוזן די גאנצע קראפט זייערע
ווידמען נאר דער שול, אבער ניט ארויספעקלען דורך 878/2
די גראמאפאנס אלע הייליקע געזאנגען |...|".
מינקאווסקי, 1, 37.

1927 " |...| דאס שטייט טאקע באשריבן אין דעם הייליקן
׳צאינה=ראינה׳, וואס די אלע רייד פון אים קוועלט 878/3
דאך ארויס פון גרויסע תנאים און צדיקים".
אסטרינסקי, 2, 19.

1968 " |...| די דאזיקע מעשיות זענען בעצם קיינע מעשיות
לשם מעשים, נאר עובדות, וואס זענען געשען דורך
די הייליקע תפילות, תורות און מוסר |...|".
ש. גאלדשטיין, יזב 14, 20.

4. מאראליש דער הויבן, שלמותדיק, גייסטיק שיין.

% הייליקע געפילן. הייליקע שעה. הייליקע טרער.
הייליקער קאמף. הייליקער צאסן.

1839 " דער מענטש האט א נשמה, איז זי הייליק |...|".
פישלזאהן, 1, 84. 790/1

1865 "קיין מאל וועל איך ניט פארגעסן די הייליקע
ווערטער, וועלכע איר האט אין מיר איינגעפלאנצט". 790
רוף, 1, 28.

... " זי וועט אויף אונדז אויסגיסן א גאנצן אוצר פון
הייליקע געפילן און טייערע זכרונות". 823
מענדעלע, 21, 52.

1910 " איר כוחות ריינע, הייליקע,// וואס הערשן אין
דער אייביקייט |...|". 799
פרוג, 1, 123.

1932 " גייט פארויס יהודה און ער שטארקט די הענט,//
טראגנדיק דעם פלאם דעם הייליקן,// ווען דאס פאלק 799/1
דערפילט זיך א יסגעשעפט צום ענד |...|".
ליעסין, 3, 62.

1968 "|...| אזוי האבן מיר שווייגנדיק געווארפן אין
די פלאמען איין פאפיר נאכן אנדערן, פאפירן וואס האבן 799/1
דערציילט וועגן חלומות פון א הייליק לעבן, פון
ליידנשאפטלעכן געראנגל פאר גערעכטיקייט".
ש. קארץ, יזב 2, 298.

5. אומבארירלעך, אזא וואס מע טאר ניט (מע קאן ניט)
ארויסטרעטן קעגן דעם עובר זיין אויף דעם.

% הייליקער חוב, הייליקע רעכט. הייליקע שבועה.
אלע האבן פאר דעם זיידן דרך=ארץ און אלץ וואס ער זאגט
איז פאר זיי הייליק.

1877 "דער אפּיציר האָט מאַרשירט מיט זיי איבער די גאַסן |...| און האָט געשריבן |...|: אייער הייליק 862
|טעקסט: הייליגעס|פֿאָטערלאַנד איז אין גרויסע נויטן".
דיק, 84א, 10.

1930 " נאָך אַ מיאוסע טבע האָט ער געהאַט: זיינס איז געווען
הייליק, יענעמס – מיט דער בלאָטע צו גלייך". 862/1
פּערלע, פּער, 23, 451.

ד פֿפֿ: הייליק ווי די תורה. הייליק, כאַטש שטעל אים אַריין
אין ארון קודש – ( טייל מאָל איראָניש) וועגן זייער
אַן ערלעכן פֿרומען מאַן.

עפּיטעטן: הייליק אָרט – יידישער בית=עלמין, בית=הקברות.

|אההייב X!X י"ה| " ער |אַ קברן| טאָר נישט זיין קיין
בעל=פּחד, ווערום ער מוז אַמאָל נעכטיגון אַליין אויף דעם 850/1
הייליגון אָרט |...|".
אַנ, דער לעבעדיגער מת.

1910 " |...| איינגעוויקלט אין תכריכים// אין א טיפן
850 קאלטן קבר,// אויפן וויסטן היילי̤ק=ארט |...|".
פרוג, 1, 240.

1965 " זי האט זיך דערמאנט, אז זי דארף נאך צוגיין
850/2 אויפן היילי̤קן ארט |...| זיך געזעגענען מיטן מאנס
קבר און מיט די |...| קברים פון די עלטערן".
נאטע לוריע, 5, 271.

היילי̤ק געלט –

1. צדקה=געלט.

1962 " |...| און דווקא אזא איינער גזלט צו היילי̤ק געלט,
879 וואס איז באשטימט צו ראטעווען יידן און העלפן עולים".
ד. פלינקער, פער 69, !!!/16.

2. (עלט) געלט פאר חברה=קדישא.

1894 " נאר ניט די סעודה |פון דער חברה קדישא| זאל
856 זיין דער עיקר,// ניט אויסקלייבן פאר א גבאי אן
אלטן שיכור// מאכט בעסער א רואה=חשבון, ער זאל רואהן
דערין //, ניט ווארפן הייליק געלט אין בלאטע ארהין".
צווייפל, 4, 41.

הייליקע טעג - יום=טובים.

דער הייליקער נאמען - גאטס נאמען, (טייל מאל) גאט.

1883 " |...| און אז זאגט ק"ש |קריאת שמע| |...| זאל ער
853 באמת זיך ווען מוסר=נפש זיין מקדש צו זיין
זיין הייליקן נאמען".
אנ, נופת צופים, 2, 86.

|1957?| "ווער מאכט אויף דעם <u>הייליקן נאמען</u> אלע טאג? - דער וועלכער גיט צדקה פאר ארעמע=לייט".
איבז אנ, ליקוטי אמרים, 212/ רי"ח |?|.

<u>הייליק שווערן</u> - אויסדרוק וואס דארף פארשטארקן די וואג פון די ארויסגעבראכטע רייד.

% איך <u>שווער</u> דיר <u>הייליק</u>, אז כ'וועל דעם יתום ניט פארלאזן.

<u>פון:</u>

<u>דו באק, יא דו ביסט מייליק, אבער וואס שטינקסטו אזוי?</u> - (<u>שפאטיש</u>) וועגן א פרומאק, א פאלשן מענטשן, א צבועק.

~~[illegible]~~

~~[illegible]~~

קריסטלער:

די הייליקע מאריע - די מוטער פון ישו הנוצרי.

די הייליקע בתולה | בסולע | - דזוו דפוו.

1961 " זעליקל האט באלד אראפגעריסן זיין בליק פון דער 'הייליקער בתולה' - פאר א יידן איז דאך אן עבירה צו קוקן אהין".

י. שיינהוט, פער 18, 8/XII.

די הייליקע יונגפרוי - דזוו דפוו.

די הייליקע מאמע - (יידיש פטמ) דזוו דפוו.

1947 " דער |...| פרומער ייד |...| האט אנגעהובן
882/1 מאכן |...| געטאקטע געדענק=מעדאלן מיטן בילד פון
דער הייליקער טשענסטאכאווער מאמען".
יזב 8, 24.

דער הייליקער פאטער - דער פויפסט.

הייליקע שטול - דער וואטיקאן, די פויפסטלעכע מלוכה.

1963 " ביי היינט האט די 'הייליקע שטול' ניט אנערקענט
870 מדינת ישראל, און ווער ווייסט, צי אזא אנערקענונג
וועט ווען עס איז קומען".
קייטעלמאן, פער 155, !27/V.

<u>הייליקע שריפטן</u> – דער אלטער און נייער טעסטאמענט
(דער תנ"ך און די עוואנגעליעס).

<u>דאס הייליקע וואסער</u> – דאס וואסער מיט וועלכן מען טויפט,
מע באשפריצט ביי פארשיידענע קריסטלעכע רעליגיעזע אקטן.

<u>די הייליקע וואך</u> – די וואך פון קריסטלעכן פסח.

<u>דער הייליקער דאנערשטיק</u> – דער דאנערשטיק פון דער הייליקער וואך
(אויך גערופן אין פוילן דער"גרויסער דאנערשטיק")

(?נ?) (<u>דער טאג פון</u>) <u>אלע הייליקע</u> – דער טאג פון 1טן נאוועמבער,
ווען קריסטן דערמאנען אלע זייערע הייליקע.

<u>דאס הייליקע ברויט</u> – די האסטיע |←---|.

ם
**הייליג.** **מה"ד:**

1. ------>

... " ער שפררך: ליבי לויט, די דא הער קומן זינט//
איר זייט אל גיננט דעם הייליגן גאטש קינד". 864
מגילה=ליד, שורות 651 - 652.

1626 - עש איז איין מן אונטר דיינום מלכות דז דער רוח פון דען
הייליגן מלאכים איז איין אים |...|". 864/1
ס׳ המגיד, 1, דניאל, ה - יא.

2. ------>

1544 " דא ענטוורט אים מיט זורגן דער ויל הייליג מאן//
ווש וואלט איר ליבר הער דש זייא גיטון". 864/2
שמואל=בוך, סטר׳ 549.

‎.3 ---->

1382 " אונש די הייליגא שריפט די וורהייט הט גצלט".

כתב יד 1382, ז' 17. 802

....................................................

רעד:מער קיין פרים וועגן דעם מקור זענען אויפן
קארטל ניטא.

....................................................

1541 " עז דוכט מיך אויך זיין רעכט אונ' ביליק//

דא ווייל איך אין דער הייליגן גישריפט// עכט 802/1

אדר גויילך ביכר הון גשטיפט |...|".

בבא=בוך, סטר 21, פערזן 11-13 |?|.

1676 " אונ' דער גישמק פון דער הייליגן תורה איז

בעשר אל אלדר גיטמאך פום גוטן אויל".

ברנט שפיגל, פרק כ"ט.

1700 " |...| דער נאך האבן דיא רשעים מחריב גוועזן

802/3 אונזר הייליגי שול אונדר מקדש מעט |...|".

<u>שבט יהודה, דף פב</u>.

------> 4.

1729 " |...| איך זאל גשפייזט ווערין פון דיין הייליג

802/4 ליכט וואז דוא האשט פאר בארגין צו דיא צדיקים אונ חסידים".

<u>תיקוני מועדים, דף 39</u>.

1752 " |...| ניט צו ליידן פון די (פושעים ליצנים)

וואש מאכן לידר אונ׳ גריימן אויש פסוקים אבר אויש

<u>הייליגי</u> ווערטער".

<u>ס׳עץ חיים, דף נ"ו</u>.

7) <u>הייליג אי</u> - הייליקע תורה.

... " דש מיט איך, דו |גאט| גבשט אן מיר |הודש סיון|

865 די הייליג אי".

מגילה=ליד, ש' 407.

הייליגי טג – ימים-טובים.

... " |א בת=קול זאגט צו המן|: צו הושט אל אירי

863 הייליגי טג ויל רעכט גיננט |...|."

מגילה=ליד, שורה 567.

הייליג לאנד – ארץ - ישראל.

1679 " |...| דש אורט וואו דוא אויף שטישט, איז אייך

880 הייליג לאנד".

בליץ, שמות, ג - ה.

הייליגר נאמן – גאט, גאטס נאמען.

1676 " דא זול מן אין בעטן מיט רייני הענט אונ' גנצי
880/1 הערצן, מיט צו בראכני גימויט דז ער אים בישערן זול
קינדר די זיך זולן פויר זיינם <u>היילי‍גן נאמן</u> פוירכטן".
<u>ברנט שפיגל, פרק כ'ח.</u>

1725 " רבונו של עולם אים ביט פון דיין <u>הייליגן נאמן</u>
857 דז דו זאלשט מיר גיווערן מיין בקשה |...|".
<u>תקוני מועדים, דף כ"ז.</u>

<u>הייליג פאלק</u> – דאס פאלק ישראל.

1787 " |...| דער (רשע מלכות יון) זייני גאנצי אנשטעלונג
824 גווען דיזע <u>הייליג פאלק</u> (ישראל) זיין תורה זאלן
פר געסן |...|".
<u>תחנות ובקשות.</u>

ה יי ל י ק - פרעד, אדי. צונויפגעצויגן, פארגליווערט

(וועגן דער שפירונג אין די ציין, יאסלעס, גומען ביים

עסן א זויער=טערפקע זאך, למשל, אומצייטיקע עפל אד"גל).

1900 " פון גרינגע פירות |...| ווערן היילִיק די ציין".

758 שלום=עליכם, 20, 17.

1935 " די צונג איז פרעמד אין פילט אויס דאס גאנצע מויל.

803 די ציין זענען היילִיק, ווי זי וואלט געגעסן זויערס".

באשעוויס, 1, ציט 23, 37.

1940 " ס׳האבן טאטעס געגעסן אומצייטיקע פרוכט,// זיינען

757 היילִיק די ציין ביי די קינדער".

אליעווסקי, 2, 81.

אייליִנדיג. ם

1676 " ועטר |=פאטערס| עשין אונצייטיגא טרויבן אונ׳

759 די זין |=ציין| פון קינדר ווערדן אייליִנדיג".

ברנט שפיגל, פרק ל"ג.

ה יי ל י ק ט ו ם - דאס, מצ היילי קפימער.

1. ארט פון גאטסדינסט, מקום קדוש (טעמפל, בית=המקדש, שול (בית=הכנסת).

1911 " בויט זיך איטלעכע |קאלאניע| איר היילי קטום פאר גאט, דעם איינציקן |...|".
פרץ, 17, 400.

1941 " און אהרן זאל טראגן די נעמען פון די קינדער פון ישראל אין דעם חושן |...| ווען ער קומט אין היילי קטום |...|". 891/1
תרגום יהואש, שמות, כ"ח - כ"ט.

1947 " די דייטשן האבן זיך נישט באגנוגנט מיט פארברענען די שול. זיי האבן געוואלט געגצלעך צעשטערן די מויערן, 891/2
כדי עוקר מן השורש צו זיין דאס יידישע היילי קטום".
יזב 8, 218.

2ה. הייליקעקזאך ( <u>אין באטייטן 3, 4, 5</u>).

1876 " איך זוך שוין ניט דאס הייליקטום אין דער פראפעסיאן,
ווארן דער שטאט=שוחט האט עס שוין לאנג פארשמירט |...|; 891/3
און פאר איין אומן יד אליין איז זיך מיר מיין געראזירטער
לערער אנגענעמער פון הונדערט שוחטים".
<u>לינעצקי, 1, 28</u>.

1947 " א סטרייק איז פאר אים געווען א <u>הייליקטום</u> און
צו סטרייקברעכער האט ער זיך באצויגן ווי צו א גאט=לעסטערער"; 886
<u>יזב 8, 142</u>.

1965 " דא איז געגרינדעט געווארן אין יאר תרע"ט אין געהיים
די גרופע 'בית=ישראל', איר ציל איז געווען צו דערציען 888
א נייעם דור פון גייסטרייכע און געטפארכטיקע יידן,
|...| מיט ליבע צום פאלק און זיינע <u>הייליקטימער</u>".
<u>פער 106, 354</u>.

ה יי ל י ק יי ט - די, =ן (זן).

1. אייגנקייט אדער מצב פון זיין הייליק, ב׳ 1.

געטלעכע הייליקייט.

|1956?| "  ...| וועו ער קומט צו א נסיון אין א זאך

912 פון אמונה אין גאט, וואס ער איז איינער, וואס איר

יסוד |פון דער תמונה| איז אין די גאר הויכע הייליקייטן".

איבז אנ, ליקוטי אמרים, כה - 98.

2. אייגנקייט אדער מצב פון זיין הייליק, ב׳ 2.

% מ׳האט געגלייבט אין דער הייליקייט פון דעם צדיק.

1897 " עס האט זיך א מאל א מכשף אויף א שטעטל פארלייגט

און געוואלט עס יאגן און פלאגן. עס איז אבער א פרום

שטעטל געווען, פול מיט הייליקייט, און ער האט דערויף

קיין שליטה נישט געהאט".

פרץ, 17, 189.

1965 " |...| פון גיין צום שרעקלעכסטן פון אלע טויטן מיט אזא געזאנג |"אני מאמין"| אויף די ליפן איז די העכסטע מדרגה פון הייליקייט".

אהרן צייטלין, פער 69, 10/XII.

3. אייגנקייט אדער מצב פון זיין הייליק, ב' 3, אויך א הייליקע זאך, באגריף.

% די הייליקייט פון שבת.

1921 " מיר האבן ניט געזעענערהייט - אין טומאה הייליקייט ארייננגעשפונען".

בראדערזאן, 4, 15.

1959 " |...| אין אונדז אלעמען לעבט ירושלים, פינקען פון איר אייביקייט, איינמאליקייט, הייליקייט".

א.ש. שטיין, פער 38, 34, ז' 184.

4. מאראלישע דערהויבנקייט, גייסטיקע שיינקייט.

% הייליקייט פון קאמף פאר פרייהייט.

1958 " עס גייט אים אויך אפצושלאגן דעם אטאק

897 פון די געזעלשאפטלעכע און אידעישע כוחות, וואס גראבן

אונטער די הייליקייט=שליחות און דעם קיום פונעם

יידישן פאלק".

ביקל, 1, 209.

1966 " אזוי פיל הייליקייט |...| איז איינגעברענט אין

904 אט די פאר יידישע ווערטער".

א. לוריא, פער 169, דעצעמבער.

1971 " צי 'כל=נדרי' האט יעדער ייד געפילט א ספעציעלע

913 הייליקייט |...|".

ש. לואל, יזב 7, 72.

5. אייגנקייט אדער מצב פון הייליק אין ב' 5.

% הייליקייט פון א שבואעה.

1953 " אין איין פונקט האט ער געהאט |...| די אמביציע ניט
צו האנדלען אפארטוניסטיש: דארט ווו. עס שטייט אין קאן 893
די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן".
ח. גרינבערג, 1, 119.

6. א ספר=תורה. איינגעבן (אריינברענגען) א נייע הייליקייט
אין בית=מדרש.

% בעת דער שריפה האט מען קודם=כל געראטעוועט די
הייליקייטן פון ארון=קודש.

▱ זיין הייליקייט – דער פויפסט. אייער הייליקייט –
אופן פון ווענדן זיך צום פויפסט.

ם הייליקייט.

.1 ←----

1544 " |...| ויל מענכן שוינן שפרונג טעט דער לאנדש הירן//
900/1 בור שריין דער הייליקייט גוט יתברך צו אירן".
שמואל=בוך, סטר׳ 1076.

1752 " דר עיקר איז די דינשט גאטש גהער צו זיין מיט
900 פרייד אונ׳ מיט גוט גימוט אז ער וויל זיך בהעפטן אן
די הייליקייט פון גאט".
ס׳ עץ חיים, דף ג.

.3 ←----

1717 " |...| אונ׳ האבן פר שוועכט מיין הייליקייט אונ
905 אונ׳ צווישן הייליקייט האבן זי ניט אונטר שיידן".
ס׳ המגיד, 3, יחזקאל כ"ב - כ"ו.

... " און מיר וועלן דר ציילן די שטארקי הייליקייט

905/1 פון דעם טאג דער ער איז פארכצום און גרויליג".

<u>מחזור 4, דף 24.</u>

3א. (<u>ספעצייל</u>) א מקום קדוש (דער משכן, דער בית=המקדש).

898 1544 " אין דיא שטאט שילה דא די הייליקייט ווש |...|".

<u>שמואל=בוך, סטר׳ 11.</u>

1610 " |...| אונ׳ זי זאלן מאכן צו מיר איין הייליקייט

899 אונ׳ וויל רואן אין צווישן זיא".

<u>טייטש=חומש, שמות, כה - ח.</u>

3ב. (ספעציעל וועגן קרבנות, דאס פלייש פון א קרבן.

1626 " |...| זיא זאלן איבג קיין הייליקייט עסן ביז

<u>ס׳ המגיד, עזרא, ב - יג.</u>

1713 " התודה, דאש קרבן תודה, אונ׳ דען ווידר דען איין

909/1 <u>מחזור 1, דף ח.</u>

ה יי ל י ק ו ו א ר ג - דאס, בא. (שנש?) זאכן פון רעליגעזן קולט.

1954 " ארויף מיטן שאסיי זענען געווען די געשטעלן מיט הייליקווארג. אויף ברייטע טישן, אונטער לייוונטענע דעכער, זענען געווען אויסגעשטעלט בילדער פון דער 'הייליקער מאמען' מיטן געטלעכן קינד |...|". 885

דעמבלין, 4, 65.

ה יי ל י ק ו נ ג - די, =ען.

1. אקט פון ה יליקן, דאס הייליקן, ב"ב 2 - 3.

2. אקט פון הייליקן אין ב׳ 4.

% די הייליקונג אויפן בוך האט אונטערגעשריבן דער מחבר אליין".

3. אקט פון הייליקן אין ב׳ 4.

1941 " געזונגען האבן זיי תהילימדיק יעקבס געזאנג

פון הייליקונג". 934

אהרן צייטלין, 5, ליד "א כראניק געוועזן".

ם הייליגונג.

-----> 1.

1610 " ווען אלי פסוקים זיין הייליג און שיר השירים

איז הייליג הייליגונג". 935

טייטש=חומש, שיר השירים (רשי) א א.

.3 ←----

1721 " דיא רופוג דאש מן אן רופט אונ' דיא <u>הייליגונג</u>

935 צו דעם דר דא לעבט איביג".

<u>מחזור, 2, דף קכ"ה</u>.

(?נ?) ם |הייליקלעך| ה יי ל י ג ל י ך - הייליק, ב׳ 2.

1713 " אך זאלן זיא זיך <u>הייליגליך</u> האלטן אונ׳ ניט לאזן

914 זעהן איין שענטליכי זך דען זיא מוזן שטעטיגליך

תפלה טון צו הקב"ה".

<u>מחזור, 1, דף רכ"ז.</u>

ה יי ל י ק ן - טרוו.

1. מאכן הייליק, אריינברענגען הייליקייט, ב"1.

1934 "אזוי ווי גאט הייליקט די הימלען מיט זיין

922 איינציקייט און ריינקייט, אזוי דארף דער מענטש

הייליקן די ערד מיט זיין ריינקייט און איינציקייט".

אש, 13.

2. מאכן הייליק, אריינברענגען הייליקייט ב"ב 2 - 3.

1941 " |...| גרענעץ אפ דעם בארג |סיני| און זאלסט

932/1 אים הייליקן".

תרגום יהואש, שמות, י"ט - 23.

1947 " פאר ליכטבענטשן פלעגט זי אריינגווארפן אירע

932 מטבעות אין איר פושקע און נאך דעם פלעגט זי הייליקן

דעם שבת מיט איר ברכה".

י. אפרון, פער 44, נ' וו, ז' 32.

1948 " ער איז נאך לאנג דארט פארבליבן, באזונבנדיק |...| אלע געהייליקטע|פאדי| ערטער, וועלכע ווערן דערמאנט אין די הייליקע ספרים". קאנק

דער נסתר, 6, 230.

3. מאכן הייליק. אריינברענגען הייליקייט, ב׳ 4.

|1931-1926| " וואס ווייטער מרדכי איז געגאנגען מיטן פעלד, אלץ אויפגערוימטער איז ער געווארן, |...| געטובלט און געהייליקט אין זיך א ניי ווארט". 918/1

אפאטאשו, 10, 248.

1947 " טרעגער מיט אייזערנע אקסלען משאות צו שלעפן,// איר האט זיךגעהיט מיט אן איבעריק ווארט, די יסורים אין שווייגן געהייליקט |...|". 919

גראדע, 4, 18 |?| ליד "יידישע שטעטלעך אין פוילן".

1960 " די געשטאלט פון א מענטשן |...| וועלכער **האט**
918 **געהייליקט** די וואך און אנגעטרונקען מיט וואכנזאפט די
הייליקייט".
ניגער, 10, 225.

4. באשטימען, איבערגעבן עמעצן א ווערק (פון ליטערטור, וויסנשאפט אד"גל) ווי אן אויסדרוק פון ליבשאפט, אכטונג, פריינדשאפט, אנדענק, ס'רוב דורך א צושריפט אויף דעם ווערק.

% דאס בוך איז **געהייליקט** מיין בעסטן פריינט |...|.
דאס ליד האט דער פאעט געהייליקט **פרצן**.

1973 " דאס בוך **איז געהייליקט**אין געדענקשאפט פונעם
עטישן פאלקסמענטשן |...|".
שפיגל, 6, 5.

5. (**תנכיש**) אפגעבן פאר גאט, מקריב זיין, אפזאגן זיך
פון עפעס, האלטנדיק דאס פאר הייליק.

% <u>הייליקן</u> דעם בכור.

1941 " <u>הייליקן האב איך געהייליקט</u> דאס זילבער צו גאט

917 פון מיין האנט".

<u>תרגום יהואש, שופטים, י״ז - 3.</u>

ם <u>הייליקן גאט, גאטס נאמען</u> -

1. זיך מקריב זיין, זיך מוסר=נפש זיין אין נאמען פון גאט, פון דער אמונה (מקדש השם זיין, גיין אויף קידוש השם).

2. אויסדריקן א טיפן גלויבן אין גאט דורך מעשים=טובים, גרויס פרומקייט.

1935 " יעדער האט באשיימפערלעך געזען דאס וואונדער

קאנק פון גאט און געטון זיין הארץ זיך אומצוקערן צו זיין פאטער אין הימל: און <u>דער נאמען פון אלמעכטיקן |גאט| איז געווארן געהייליקט</u>".

<u>באשעוויס, 1, 187.</u>

1941 " דורך מיינע נאנטע וועל איך געהייליקט ווערן |...|".

919/1 תרגום יהואש, ויקרא י - 3.

|19560?| " אויסצוקלייבן זיך גאט אלס זיין חלק און

920 זיין גורל איבערצוגעבן צו אים זיין נפש אויף

הייליקן זיין נאמען".

איבז אנ, ליקוטי אמרים, ז' כה - 98 |?|.

ם הייליגן מה"ד:

.2 <----

1679 " |...| מאך איין גימארק אום דען בערג |סיני|

920/1 אונ' הייליג, איך |...|".

בליץ, שמות, יט= כ"ג.

1752 " אונ' |גאט| האט אונש גיהייליגט מיט זייני

929 גיבאט |...|".

ס' עץ חיים, דף ג.

.5 <-----

1679 " הייליגי מיר אלי ערשטי גיבוארט |...| עז זייא

931 אונטר דען מענשין אודר אונטר דעם פיך, דען זיא

הערין |=געהערן| מיין |צו מיר|".

בליץ, שמות, יג -ב.

ד הייליגן גאט / גאטס נאמען.

1544 " דער צו בין איך איין צדיק האט מיך גוט ווישן

930 לון.// ער הייליגט זיינן נאמן אויף מיך נבואה קאם".

שמואל=בוך, סטר' 1743.

1696 " אונ' זיא לובן אונ' זיא בישינגן |...| אונ' זיא

930/1 הייליגן".

|סידור| תפלה למשה, דף צב.

# ה יי ל י ק ן ז י ך -

1. רעפל. זיין הייליק, ב׳ 2.

1883 " |...| דרום זאגט הקב"ה אן: הייליגט אייך
|...| מיט ריינע און הייליקע געדאנקען |...|".
אנ, נופת צופים, ז׳ 42.

1934 " און טריט ביי טריט, אזוי ווי אויסגעחלומט פון
926 איין הארץ,// וואס האט זיך איך פיין געהייליקט |...|".
מ.ל. האפלערן, 4, 272.

|?1956| " א מענטש הייליקט זיך א ביסל דא אונטן,
925 הייליקט מען אים א סך פון אויבן".
איבז אנ, ליקוטי אמרים, ז׳ 414/202 |?|.

## היילן I - טרוו.

1. באקעמפּן א קראנקייט אדער פארהיטן פון איר דורך אנווענדן רפואות און אנדערע מעדיצינישע מיטלען; געזונט מאכן, קורירן.

% דער דאקטאר היילט דעם קראנקן. היילן א ווונד. היילן דאס הארץ. היילן מיט פיזיאטעראפיע.

1815 " |...| און |=איך| קאן זי היילן דארך אלי צעהן אירלייא נגונים ווארום איר רפואה איז |=איז| דארך נגונים". 950

בראסלאווער, 1, דף עה.

1863 " אזוי איז דער מנהג ביי די ישמעאלים צו ברענגען א קרבן ביי יעדער צרה ר"ל. געשווינד האבן זיי געכאפט 949 א שאף און האבן אים מקריב געווען, |...| און דער ישמעאל וואר געהיילט".

דיק, 9, 61.

1929 " |...| ער האט זיך פארשאפט א סך דאנקבארקייט
949/1 דערמיט וואס ער האט געהיילט ארעמע=לייט אן א באצאל".
פער 70, נ׳ 10 - 11.

1948 " |...| געהיילט פארווונדעטע ביים דניעפער און
949/2 ביים בוג,// און אויך אליין פארווונדעטאיז געפאלן
זי ביים דניעפער".
מארקיש, 9, 71.

1975 " ער |דער זקן פון בבל) האט געהיילט שלאפע.
(קאנק) ביי אונדז אין שטאט האט ער אויסגעהיילט א פאליקן".
באשעווים, 6, 162.

2. (פיג) ברענגען צו א גוטן (בעסערן), פריילעכן
געמיט=צושטאנד, אויפמונטערן.

% די טרייסטווערטער האבן ממש געהיילט דאס פארביטערטע הארץ.

1922 " א ליכטיקן טאג זעט ער, אין גאנצן אין היילנדיקע
שטראלן געוועבט".
זינגער, 1, 84.

1939 " מארגנקינד, זינג אויס א הימען// פאר די ביינער
אונדזערע // אפשר וועסטו זיי דערפרייען// מיט א היילנדיקן 940
פרילינג".
סוצקעווער, 3, 222.

1950 " |...| אין דעם היילינדיקן ליכט פון דיין
ווארעמקייט //גייט אויף טויט צו פארשעמען די ערד". 965
ניסענזאן, 4, 78.

שוו:

די צייט היילט אלע וווּנדן. פרנסה היילט אלע מכות.

צאנווייטיק פאררעדט מען נישט, נאר מע היילט. (?נ?)
|קטוו, נאניק, פער 90, נ' X!X - 3|.

ם

**היילן.**

------> 1.

1541 " איך זיינם לאנד הט ער אייך גישרייא לושן טון// דש אל די ארצטן בוך וואונדן אונ בוך לייבן.// די שולטן אל דאר קומן אונ׳ זולטן איך היילן |...|".

בבא=בוך, סטר׳ 560.

1648 "|...| זיין |גאטס| הילף איז איך איינם אויגן בליק ביהענד // קן ער היילן דיא קרנקן". 965/2

מגילת ווינץ, דף 8.

1764 " |...| דא היילינט אים פיליפוס דר דאקטר מיט טרענקן אונ׳ אנדרי שפעצירייאן". 944

יוסיפון, 5, דף כ"ב.

-----> 2.

1602 " מיר היילן בבל זיא וויל אביר ניט הייל ווערן".

ס׳ ירמיה, נא - ט. 954

II הייל ן II - |היילענע/=ר| - אדי.(שנש)

(ווי) פון א הייל/פון היילן (סוב)

... " באלעבט דעם סקעלעט אין די היילענע טיפן".

739 סוצקעווער, 4, 79.

ה י י ל ן – אויטוו. פּפּ הוילן.

1. ארויסברענגען הויכע צעצויגענע און דורכדרינגענדיקע קלאנגען (ווי) פון הינט, וועלף; וואיען.

% דער וואלף היילט. די הינט היילן.

1873 " עס האט זיך אויפגעהויבן א שטורעמווינט, ער האט

767 משונהדיק געוואיעט, געוויינט, געהיילט, ווי הונגעריקע וועלף".

מענדעלע, 1, 43.

1938 " הינט בלילן, רייסן זיך, פארגייען זיך אין היילן".

767/1 זינגער, 7, 233.

1966 " ס'הוילט דער ים – נישט צו פארשטיין".

767/2 האלקין, 4, 83.

2. וויינען הויך, צעצויגן, יאמערלעך.

% די יידענע יאמערט, <u>היילט</u> אן אויפהער. <u>היילן</u> מיט באנומענע קולות.

1954 " ער וויל אויסשרייען און קאן נישט. ער קאן נאר קרעכצן, <u>היילן</u>, וואיען, וואס קיינער הערט עס ניט, נאר ער אליין". 764

<u>אש, 17</u>.

<u>היילן ווי א הונט</u> – וויינען שטארק, יאמערן.

<u>היילן אויפן פיסק</u> – "מיט שאדנפרייד וועגן עמעצן וואס ס'האט אים געטראפן אן אומגליק אן אן אויסוועג". 772

<u>ר. מאהלער, יזב 15, 554</u>.

ם <u>היילן/אויילן</u>. <u>מה"ד</u>:

.1 ←----

1541 " ער זוכט אין אלי העקן גרוש אונ׳ קליין //

762 רעכט וויא איין הונט ער אומעטום שמיקט // ער מורט אונ׳

הויילט אונ׳ ווש בור זיך שרייטן// דען גרושן רומור הורט

מן בון ווייטן".

בבא=בוך, סטר׳ 365.

.2 ←-----

1648 " דיא עש זאכן |זעען| דיא מוזטן היילן |...|".

768 מגילת ווינץ, ז׳ 35.

1717 " ווען א־ין קינד בייא נאכט פול היילט |...|".

769 ס׳ החיים !?, דף נ"ח.

ה יי ל ן = א ר ט י ק - אדי. (דטשמ) אין דער פארעם
פון א הייל.

1907 " איך זע נאר די געלבע זאמדיקע סטעזשקעס, די
744 שאטנס, די היילן=ארטיקע וועלבונגען אין די טונקעלע
געגנטן פון געהיימניספולן וואלד".
באוושאווער, 2, 24.

ה יי ל ן  ז י ך – טאן עפעס פטור צו ווערן פון א קראנקייט,
אננעמען מיטלען געזונט צו ווערן.

% ער היילט זיך ביי א גוטן דאקטאר. פאר צייטנס האט מען
זיך געהיילט מיט באבסקע רפואות.

1907 " רבי יוחנן זאגט: מיט אלע זאכן מעג זיך דער
מענטש היילן |...|".
איבז אנ, מנורת המאור, 2, 44.

1944 " מען היילט זיך מיט כלערליי פאסקודסטוועס. צו
אפארשניטענעם פינגער לייגט מען צו שפינוועבס מיט שטויב|...". 963/1
שניאור, 8, 104.

1968 " דער באוווסטער יידישער קונסט מאלער פעליקס
פרידמאן האט זיך אויך געהיילט אין "בריאות". 962
י. טורקאוו, יזב 2, 908.

ם

## היילן זיך.

1544 " דא ליש זיך דוד היילן ביז ער ווארד גיזונד".

967 שמואל=בוך, סטר' 321.

1743 " אונ' איצונדר דש אונש וויא |=וויי| איז איין ×

966 אונדז צרות היילן אונ' טרישטן מיר זיך אונזר וויא טאג

אונ' אונזר הארץ ברעכניס".

יוסיפון, 4, דף קמ"ח.

ה ו י ל ן - דזוו היילן.

ה יי ל ע וו ד יי ק - <u>אדי/אדוו.</u> וואס לאזט זיך (אויס)היילן,
וואס מע קאן(אויס)היילן.

% טובערקולאז איז שוין א <u>היילעוודיקע</u> קראנקייט.

ה יי ל ע נ י ש - דאס, =ן.

1. (עלט) היילונג, רפואה, היילמיטל.

1814 " עס גיט זיך מיט איינער אשטשעקיט אזו ווי

1003 מהאקט מיט אשווערד, דאס לשון פון חכמים אבער איז

א היילעניש".

איבז לעפין, משלי, יב - 18.

2. (פעיא) דאס היילן שלעכט, ניט געהעריק.

% פון אזא היילעניש מיט באבסקע רפואות וועט דער חולה

ניט געזונט ווערן.

הייל ער - דער, =ס. דער וואס היילט (ס'רוב ניט ווענן א דאקטאר).

|1931 - 1926| " באקאנטע זענען צוגעשטאנען, זי זאל רופן
1012 א 'קריסטשען=סייענס'=דאקטאר. זי האט נישט געהאט וואס
אנצוּווערן, גערופן א 'היילער' און דער קאפוויייטיק
איז פארשוואונדן".
אפאטאשו, 15, 197.

1943 " דער היילער פון אונדזער קראנקהייטן".
1009 אש, 14א, 337.

1972 " מיינע קוים זשיפענדיקע פאציענטן זיינען שטארקער
1005 פון מיר, זייער קאקטאר; זיינע מוטיקער פון מיר,
זייער היילער".
ראזענפארב, 3, 279.

ם

היילער.

1610 " |...| איך בין גאט דיין היילער".

1007 טייטש =חומש, (רשי) שמות, טו - כו.

1711 "איך בין גאט דיין העלפער אונ' היילר פון דיינר

1008 קרנקהייט".

צאינה וראינה, 2, דף ס"ד.

ה יי ל ע ר יי – דאס, בא.

1. דאס היילן לאנג אדער פון א סך (וועלף הינט).

2. דאס לאנגע און אמערלעכע וויינען פון א סך מענטשן.

1868 " עס איז אין הויף געווען א גרויס היילעריי |...|".

774 פער 177, נ׳ 44, ז׳ 325.

ה יי ם – די, =ען.

1. הויז, שטוב, וווינארט, דירה.

% א געראמע (באקוועמע) היים. א שטענדיקע (צייטווייליקע) היים. דער מאן ארבעט און די פרוי איז אין דער היים. זיין ארבעטפלאץ איז ווייט פון דער היים.

1893 " איך זיץ אין דער היים און שווייג, און מיין שטריימל שאקלט זיך אויבן אן אויף א חתונה, אויף א ברית|...|"

פרץ, 17, 97.

... " איך האב |...| מיך קוים ארויסגעמאכט פון דער היים".

1101 שלום=עליכם, 5א,(דערצ' "מעשיות פון טויזנט און איין נאכט)".

1929 " |...| ראטעוועט! – רייסט זיך |...| א שרעקלעך

1101/1 געשריי פונקט דעמאלט, ווען גדליהקע דערנענטערט זיך צו זיין היים |...|".

י. יאפע, 1, 15.

1957 " איין מאל האט די יונגע פויערטע אראפּגעבראכט

פון דער היים א'באבקע'|...|". 1101/2

ברוסילאוו, 2, 26.

1962 " איצט בוי איך א היים, און די היים זאל זיין

זיכער,// באשלאג איך די טיר מיינע מיט א מזוזה". 1088

גראדע, 5, 13.

2. הויז אין ברייטערן זינען – משפּחה, משפּחה=לעבן, שטייגער.

% א יידישע היים. דער שרייבער שטאמט פון א פרומער היים.

דער יתום האט געפונען א ווארעמע פריינדלעכע היים.

די היים דערציט ווי די שול.

1884 " מען זעט איך אים נישט אן נישט קיין גוטן פריינד,

נישט קיין שונא, נאר גלאט עפּעס אן אומבאקאנטן, פון וועכן 1069/1

ס'איז באקאנט נאר דאס אליין, אז ער איז א גר אן א היים".

מענדעלע, 25, 13.

1900 " שלעכטע מענטשן האבן מיך ארויסגעגנבעט פון א גוטן טאט, פון א הארציקער מאמען, פון א ווארעמער און זאטער היים!".
פרץ, 17, 315.

1934 " ...| נאר דער ווינט |...| מיט זיין מאדנעם
1119/1 געררך דערמאנט ער מיך// און דער היים מיט מיין פעטער חיים=שמול |...|".
מ.ל. האלפערן, 5, 191.

1947 " איך האב בלויז געזען |...| די קינדער, אונדזערע
1106 יידישע אומשולדיקע טייבעלעך, ארויסגעריסענע פון די היימען".
סעגאלאוויטש, 10, 128.

1970 " יידישע מיידלעך פון פרומע היימען |...| האבן
1103/3 זיך ביי איר געלערנט געהיים |...|".
יזב 15, 683.

3. ארט (שטעטל, שטאט, לאנד) פון געבוירן און לעבן במשך
פון א לענגערער תקופה מיט משפחה, קרובים, חברים.

% ער געדענקט נאך דאס טייכל פון דער הײם, די לאנקעס.

1861 " ליפינסקין קאן איך דאך זייער גוט פון דער
1103/4 הײם, אז ער איז בשום אופן ניט קיין גראף |...|".
אקסענפעלד, 1, 91.

... " אפגעשווירן, אז ער קען זי פון דער הײם,
1117 ווער זי איז |...|".
שלום-עליכם, דערצ' " דער מיסטייק", פער 131, נ'2, 1961, ז' 99.

1915 " אין דער הײם הארט לעבט זיך שווער זיי, //
1103/5 טראגט זיך אין דער לופטן ווייען, // איינגעהאלטענע
געשרייען - // אין דער ווייטער הײם - איך הער זיי!".
רייזען, ליד "אין דער היים".

1936 "מען רעדט וועגן פארן פערגעץ אין א נייער **היים**.
1112 מען רעדט וועגן אמעריקע, |...| ארגענטינע".
<u>ספעקטאר, 4, 330</u>.

4. (ס'רוב אין <u>צונויפהעפטן</u>) אינסטיטוציע באשטימט פאר צוזאמען=וווינונג אדער צונויפקום פון א געוויסן קאלעקטיוו.

% **קינדערהיים** (= היים פאר קינדער אן עלטערן).
**ארבעטער=היים** (= קלוב וווּ ס'קומען זיך צונויף ארבעטער.
**יוגנטהיים** (= קלוב ווו ס'קומען זיך צונויף יונגע מענטשן.
**סטודענטן=היים** (= אינטערנאט פאר סטודענטן).

1970 " זיי |די קינדער| האבן אין **קינדערהיים**,
1115/1 אחוץ דעם ביסל שפייז, אויך געגאסן פון גארטן, גימנאסטיק, שפילן |...|".
<u>יזב 15, 761</u>.

1947 "|...| איז באלד געגרינדעט געווארן אן

1115 'ארבעטער=היים' אין גאנץ פוילן".

י. קענער, יזב 8, 145.

1968 " ער ארבעט דארט אין דער סטודענטן=היים, ער הייבט

1484 אן צו פארקערן אין די עקסטרעם לינקע קרייזן |...|".

א. זשעלאזני, יזב 2, 1045.

5. (פיג) ארט ווו מע פילט זיך גוט, באקוועם, אין א
פריינדלעכער סביבה.

1919 " הייסט עס, אז די אייגענע יידישע היים, וועלכע

1093/1 דער 'ארבעטער=רינג' האט באשאפן, איז נייטיק נאר אויף
דערווייל, ביז דער יידישער ארבעטער וועט 'באשמעלקעט'
ווערן מיט דעם אמעריקאנער".

זשיטלאווסקי, 10, 232.

6. (פיג) פאטערלאנד; היימלאנד (ס׳רוב וועגן ארץ=ישראל).

1912 " |...| דעריבער זאלן מיר דאך זיך אפגעזעגענען מיט

1093/2 יעדער געדאנק ווידער אפצופרישן די יידישע באשאפונגס=

כוחות ניט אין דער יידישער היים".

זשיטלאווסקי, 2, 160.

1968 " |...| ביי מיין ברודער איז געווען א שקל, ווי

1093/3 ס׳איז געווען אפגעדרוקט ד"ר הערצלס אני=מאמין וועגן

שאפן א געזיכערטע היים פאר יידן אין פאלעסטינע".

ש. גאלדשטיין, יזב 2, 124.

0 אהיים – אדוו.

1. צו דער היים אין ב׳ 1.צו דער אייגענער שטוב .

גיין אהיים. קומען אהיים. פארן אהיים. די סחורה

האט מען אים אפגעשיקט אהיים.

1815 " ווען דער מלך און גקומין <u>אהיים</u> הט ער בוודאי

1097 גהאט כמה זאכין אונ׳ אונטירעסין |...|".

<u>בראסלאוועד, 1, דף מב.</u>

1881 " ער |דער בעל=דרשן| מעג זיך אויך ריכטן אויף א

1097/1 גוטן ברוך=הבא, בשעת ער וועט קומען <u>אהיים</u> |...|.

זיין גרינגע |...| האט שוין אנגעגרייט פאר אים א בעסערער

דרשה, עס וועט זיין וואס צו הערן".

<u>שאצקעס, 1, 57.</u>

... "די כתרילעווקער ציגן |...| פאשען זיך אויף דעם

1097/2 דאזיקן גראז און ברענגען <u>אהיים</u> פולע אייטערס מיט מילך".

<u>שלום=עליכם, 7א, 189.</u>

1932 " |...| מיר בראדזשען שפעט ביי נאכט <u>אהיים</u> אין

1097/4 א געדיכטער בלאטע".

<u>קושניראוו, פער 61, 42.</u>

1948 "|...| אריינכאפן מע דארף א ווײַלע זיך אַהיים

1047/3 געזעגענען דארט מיטן ווייב און מיטן קינד זיך".

מארקיש, 9, 24.

2. צו דער היים, אין ב' 3.

% דער ישיבה=בחור בענקט אַהיים.

1895 " קומענדיק צינד אַהיים, זאלט איר אים אזוי |...|

1097/5 זאגן, אז איר קומט פון דער גובערניע און דארט איז א

גרויסער מאנגל אין לערערס".

לינעצקי, 9, 50 |?|.

1948 " האט כאטש אויף צוויי גראשן דרך=ארץ פאר א סאלדאט,

1097/6 וואס איז עטלעכע יאר אפגעלאגן אין די אקאפעס |...|

און זיך בשלום אומגעקערט אַהיים".

פאליאנקער, 1, 3.

3. צו דער היים, אין ב׳ 6.

...|1902| " |...| האט ר׳ יוזיפל דער רב |...| פאוואלינקע באטראכט פון אלע זייטן די ׳יידישע אקציע פון אונדזער אייגענער באנק |...|, און דאס פנים האט אים אנגעהויבן ווערן עפעס ווי מרה=שחורהדיק, און מע וואלט געמעגט שווערן, אז ס׳האבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. |...| ער האט א וויש געטאן די אויגן און א זאג געטאן מיט א זיפץ |...|: - כ׳האב מיך פארבענקט אהיים" שלום=עליכם, 7א, דערצ "פארבענקט אהיים"(סוף).

אהיים=|...| - ווי א פרעפיקס ביי ווערן, צוגעבנדיק זיי דעם באטייט: צו דער היים, אין דער ריכטונג פון דער היים (אין ב׳ 1).

% אניימקומען, אהיימגיין.

1867 " די כלי=זמרים, וואס האבן זיך שוין געגייט בייטלען,

1097/7 אז זיי וועלן פארדינען, זאלן אהיימגייין בחרפה ובבושה?".

פער 57, נ׳ 13, ז׳ 141.

1923 " נאר עס וועט ניט לאנג געדירן |=געדויערן|,//

1097/8 ווי מע וועט מיך צוריק אהיימפירן |...|".

פל, פער 33, 38.

1929 " נאך שבת האבן די חסידים געוואלט אהיימפארן |...|".

1097/9 בערגמאן, 2, 103.

1971 " איך בין אהיימגעקומען געגנצלעך צעבראכן |...|".

1097/10 ח. ברעסלער, יזב 7.

ד/ די אלטע היים - אין די רייד פון יידישע אימיגראנטן אין אמעריקע - אין די שטעט און שטעטלעך אין מזרח=אייראפע.

1912 "|...| ווירקט ביז צו א געוויסן גראד דער פאמיליען-
פארקער מיט די אלטע 'גרינע' און מיט דער אלטער, 1075/1
אייביק גרינער, היים אויף יענער זייט ים".
זשיטלאווסקי, 2, 210.

א קינד פון דער היים - א כוואט, א ווילער יונג.

זיין (ביי זיך) אין דער היים (אין עפעס) - זיין קלאר,
גוט באהאוונט אין א געוויסן תחום (ווסנשאפט, ליטעראטור,
מלאכה אד"גל).

% אומעטום איז ער ביי זיך אין דער היים: גמרא איז גמרא,
דיקדוק איז דיקדוק, אפילו פילא,אפיע קען ער אויך.

1892 " סערל |...| קען דאס טייטש=חומש מיטן קב הישר כמעט
אויף אויסנווייניק; |...| זי איז אין יעדן ווינקעלע
ווי אין דער היים".
פרץ, 17, 75.

... " ווו, מע גיט אים א כאפ, איז ער אין דער היים".

1067 שלום=עליכם, לכבוד יום=טוב, ז׳ 110|ציטירט עלזעט

וואסער אויסגאבע?|.

שוין לאנג פון דער היים - "געזאגט אויף א זאך וואס מע

האט שוין לאנג פארגעסן"|קטוו, גראדנע|.

זיכער ווי ביי זיך אין דער היים - אין גאנצן זיכער.

ער איז שוין אין דער היים - בלשון סגי=נהור וועגן עמעצן

וואס איז שוין געשטארבן, איז אוועק אין זיין אייביקער רו.

פילן זיך ווי (ביי זיך) אין דער היים - פילן זיך גוט,

באקוועם אין א געזעלשאפט, צווישן נייע מענטשן.

פילן זיך אין דער היים (מיט עמעצן) - זיין אין גוטע

באציונגען, זיין היימיש.

ניטא קיינער אין דער היים - וועגן א נאר, א טיפש
(ס'הייסט, דער מוח איז ליידיק).

שוו:

ביי זיך אין דער היים איז יעדער א מענטש.

אז מע זיצט אין דער היים, רייסט מען ניט קיין שטיוול.

דאס שענסטע גיין איז זיצן אין דער היים.

ווייל איז דעם וואס זיצט אין דער היים.

האלט דיר דעם כבוד און זיץ אין דער היים.

אומעטום איז גוט, און אין דער היים איז (נאך) בעסער.

ס'שענסטע מעבלשטיק איז אין די |?| היים|קטוו, קראקע|.

בעסער פריער שטארבן אין דער היים, איידער אויף דער עלטער אין
הקדש.

ם הײם - אדור (אין די עלטערע מקורים, שפּעטער אויך "אהײם")

א הײם. מה"ד:

1544 " ער וואלט דוד דען יונגן ניט הײם לושן גון.//

1095/1 ער שפּראך דוא מושט אל מול בײא מיר היא בישטון".

שמואל=בוך, סטר׳ 391.

1676 " קומט זי הײם אונ׳ הוט קינדר מנש גיומן נאך

1095 דעם אז זי אין הוט פיר גיזאגט גיבט זי אין צו עשין |...|".

ברנט שפּיגל, פּרק ל"ט.

0 אהײם - אדוו אהײם.

1626 " |...| ווען ער כבוד אונ׳ עושר גיוואונט איז אונ׳

1095/2 דינגט וואש אונ׳ האט קיין געלט ניט מוז ער מיט שנד

אהײם גין דש איז דר גרעשטר צער".

ס׳ המגיד, 1, איוב, לו - כא.

1723 " אונ׳ וועז דער בעלהבית אויש דער שול אהיים
1095/3 קומט, דא גינגן צווייא מלאכים מיט איין אהיים".
לב טוב, 2, 58.

דער היים - אין דער היים.

1701 " |...| דוא גערן יום טוב דער היים ווערשט בייא
1095/4 דיינן ווייב אונ׳ קינד".
מעשה=בוך, מעשה קע"ג.

1743 "|...| דא האב איך מיך פר בארגין פר דיא מעגשן אום
1095/5 דש זיא ניט ווישן זאלן דז איך דר היים בין".
שארית ישראל, דף ס"ב.

ה יי מ א ט - די. בא. דזוו היימלאנד, היימשטאט(היימשטעטל).

| |
|---|
| רעד: מיין פרעגצייכן דייטשמעריש איז ווייל ס׳איז דאך דא דאס ווארט איך אלט=יידיש. |

1908 " א, הארץ אין שיין,// א, היימאט פיין,//

1124 א, ציון מיין!".

מ. ראזענפעלד, 2, 129.

1921 " איך ווייס ניט איר נאמען - איך דארף עס ניט

1127 וויסן,// איך ווייס ניט איר היימאט - נאר שיין

איז זי שיין".

סעגאלאוויטש, 7, 10.

1948 " מיין היימאט גראדנע, פעסטונגשטאט פון ליטע |...|".

1129 א. פאמעראנץ, פער 44, ג׳ 2, ז׳ 2.

1973 " די יונקערישע <u>היימאט</u>,פון וועלכער זיי |די דייטשן|
1129/1 זיינען געקומען, איז שוין גוט צעפרעסן פון יידנהאס".
<u>ראזנפארב, |ב'?|,ז' 68</u>.

<u>היימט</u>. ם <u>מה"ד:</u>

1610 "און דר נוך ער שיקט דז ואלך אידר מן אין זיין <u>היימט</u>".
1130 <u>טייטש=חומש, מלכים א, ח - 10 (הפטורה),דף ר'</u>.

306 ה-

ה יי מ א ט ( ס ) ור יי - דער, בא. (דטשמ)דזוו היימוויי.

1930 " היימאטסווויי רוסישע חלומות. ווי אין א מויערקאפ,

1321 אזוי האט דארט געזשומעט דער עכא פון דער אלטער היים".

איינהארן, 7, 70 |?40|.

ה יי מ אַ ט ( ס ) ע ר ד - די, באַ. (דטשמ) דזוו היימלאַנד.

1927 " און ווייל מיר האבן נישט געהאט קיין סערפ,

1322 קיין האמער און קיין שווערד,// האט אונדז א וויסטע

שרעק אוועקגעיאגט פון אונדזער היימאסערד".

מ.ל. האלפערן, 2, 82.

ה יי מ אַ ט ( ס ) ש ט אָ ט - די, =~ שטעט (דטשמ) דזוו היימשטאט.

1924 "נאך א גרויסער נסעה, וועלכע האט דאך לאנג

1324 ניט געדויערט, איז ער אנגעקומען צוריק אין זיין

היימאטסשטאט".

ע. ווארשאווסקי, פער 100א, 56.

309 ה

(?ב?) ה יי מ אַ ט ל אָ ז - אדי/אדוו. (דטשמ) אך א הימאט, וואס האט געזוזט פארלאזן זיין היימאט, געפינט זיך אין א פרעמדן לאנד, שטאט.

1930 " אין פרעמדן לאנד א היימאטלאזער שטאמלער |...|".

איינהארן, 6, 46.

ה יי מ <u>א</u> ט ל ע ך - <u>אדי</u>. (<u>שנש</u>) פון דער היימאט, פון

היימלאנד; היימיש.

1927 " די פרוכט פונעם סאד, און פון גארטן די בלום,

1123 |...|// דאס ברענגט יענער האלבער פון דארט דא

אהערצו,// פון דארט, פון <u>היימאטלעך</u> פוילישן טאל".

<u>מ.ל. האלפערן, 2, 52.</u>

ה יי מ אַ ט ר אַ ץ - דער, =ן. דזוו הייזאק; סיעניק.

1959 " |...| נעם איך ארויפֿברענגען אין זכרון יענע
טיילן פֿון מיינע פּאָעמעס, איבער וועלכע איך האָב, 50
'זיצנדיק' אין קאַמער |פון תפיסה|, געאַרבעט און
געהאַלטן זיי פֿארשטעקט אין דער טיפֿעניש פֿון מיין
הײמאַטראַץ אויף דער נאָרע".
ליוויק, 13, 17.

(?נ?) ה יי מ א נ א - דער, =ס. "באסיאק, וואגאבונד"

1486 |קטוו, ש. ס׳דיט|.

| |
|---|
| רעד: פון וואנען שטאמט דאס ווארט? |

1130/1 (?נ?) ה יי מ א ק ־ דער, =עס. "טערקישער פאסטעך" |קטוו|.

רעד: פון קארטל איז ניט קלאר: היי מאק/היימאק.
אויך דער אקצענט.

ה יי מ אַ ר ב ע ט - די, =ן.

1. אַרבעט וואָס מע פֿאַרגיט תלמידים פֿון אַ שול צו מאַכן,
צוגרייטן אין דער היים (געניטונגען, קאָמפּאָזיציעס א"א)

% פֿאַרגעבן אַ היימאַרבעט. מאַכן די היימאַרבעט.
דער לערער קוקט איבער די היימאַרבעטן פֿון די שילער.

1947 " דער אַנטייל פֿון יעדן קינד אין היימאַרבעט
1317 מוז זיין באַגרענעצט און באַרעכנט".
וו. גליקסמאַן, יזב 8, 253.

2. (באַ) די אַרבעט וואָס אַ בעל=מלאכה פֿירט אַ יס ביי זיך
אין שטוב, לויט אַ באַשטעלונג פֿון אַ פֿאַבריק אָדער פֿון
אַ גרעסערער האַנדלס=אונטערנעמונג.

ה יי מ א ר ב ע ט ע ר - דער, =ס/מצ דז. בעל=מלאכה

וואס ארבעט ביי זיך אין דער היים לויט א באשטעלונג
פון א פאבריק אדער פון א גרעסערער האנדלס=אונטערנעמונג;
כאלופניק.

1947 " א טייל יידישע גאלאנטעריע פאבריקן |...|,
1320 פונקט ווי א טייל שפילווארג=פאבריקן האבן ארויסגעגעבן
ארבעט היימארבעטער אויסשליסלעך יידן".
יזב 8, 51.

318 ה-

הײמאָרט - דאס, ~ ערטער. (שנש) הײם, ב"ב 1 - 2.

1939 " דא װו, כ'ליג פארבײמערט // אונטער דײַנע פאלעס//

1325 גיב, גיב, גיב // פאר מײַן גוף א הײמארט".

סוצקעװער, 3, 130.

1965 " אויף דעם, אז אויך זײ װעט א יסקומען פארלאזן

1328 דאס הײמארט, האבן |...| זײ זיך ניט געריכט".

נאטע לוריע, 5, 258.

ה יי מ ב ר א נ ד - דער, בא.

1. קאמין, ווארעם=אויוון.

1957 " איז אויפן הימל אויפגעגאנגען די זון - דער

1333 היימבראנד פון דער ערד, וואס ברענגט ליכט און ווארעמקייט".

ברוסילאוו, 2, 100.

2. היים, ב׳ 2.

1969 " האבן די ערדישע אסטראוטן געקוקט |...| אויפן

1332 וווּנדער שיינעם גרויסן בלויען דיסק פון כדור=הארץ,

אויפן היימבראנד, אויף דער איינציקער ליכטיקער,

ווארעמער וועלט".

ברוסילאוו, פער 38, ג׳ 67.

ה יי מ = ב ע נ ק ע נ י ש – דאס, בא.דזוור היימבענקשאפט.

ה יי מ ב ע נ ק ש אַ פּ ט - די/דאס, בא.

דאס בענקען נאך דער היים, צו דער היימשטאט - דאס
פילן א פארלאנג ווידער צו זען די היים, די נאנטע,
דאס ארט ווו מ'האט פריער געלעבט.

ה־

321

ה י מ ג ע ג נ ט - די, =ן. די געגנט ווו׳ ס׳געפינט זיך (האט זיך געפונען) די היים (ב"ב 1 - 3).

1951 " צוליב זיכערקייט וועגן פלעגט דאס צארישע

1336 רוסלאנד ניט האלטן די סאלדאטן אין זייערע היימגעגנטן, נאר ארויסשיקן זיי אין ווייטע גובערניעס".

א. קאצענעלנבאגען, פער 106, 379.

1973 " כ׳האב באשלאסן אנצוקומען אין מיין היימגעגנט...

1335 ס׳האט זיך דערוועקט אין מיר דער יצר צום וואנדערן".

פרייבערג, 1, 85.

ה יי מ ו ן יי – דער, בא. דאס ליידן, דאס איבערלעבן שטארק די היימענקשאפט.

% פילן היימווייי. גרויסער טיפער( שטארקער נאגנדיקער) היימווייי.

1930 " |...| וועבן זיי אויס חלומות פון דער אלטער היים, וויגן זיי מיט היימישע ניגונים און שפרייטן אויס 1341
אזא שארפן, טיפן היימווייי, אז די מידע מענטשן הייבן אן רעדן פון שלאף".
איינהארן, 7, 68.

1943 " איצט פארלייגט דער ווינט אליין די טענה צו דער מוטער // און עס ברומט א היימווייי אין די אומעטיקע 1339
בלוטן".
ביישא, 3, 390.

1956 " די יידישע אימיגראנט אליין זענען געקומען פון

פארשיידענע לענדער |...| דאס האט געשאפן כאאס

|...| און דאס איז שטענדיק געוואקסן אין איינעם מיט

אנטוישונג, היימוויי".

נ. ב. מינקאוו, פער 143א, 9.

(?נ?) ה יי מ וו ע ר - <u>די, בא.</u> א רעאקציאנערע פארא=מיליטארע ארגאניזאציע פון פויערים און קליינבירגער אין עסטרייך (1918 - 1936).

1940 " די <u>היימווער</u> האט די מאכט, די רייכע האבן גוטס - // זיי וועלן אייך דאס צו די פיס ניט לייגן".

<u>קושניראוו, 5, 35.</u>

324 ה-

היימזיצער - דער, =ס.ווע היימזיצערין/

<u>היימזיצערקע</u>, =ס. א מענטש וואס פארברענגט זיין

צייט ס'רוב אין שטוב האט ווינציק מגע=ומשא מיט

אנדערע מענטשן בשייכות מיט זיין ארבעט, פרנסה.

1819 " ער איז א <u>היימזיצער</u>, ער האט ניט צו טוהן מיט

1349 פיל מענטשן אונ' האט אויך די טבע נישט צו דרצעהלין

וואס ער הערט".

<u>יוסף פערל, 1, 141</u>.

1912 " א שטעטל אן אפגעליגנס, די מענטשן כמעט אלע

1348 <u>היימזיצערס</u>, צו דער פרנסה האט מען קיין סך ניט באדארפט".

<u>מענדעלע, 24, 42</u>.

1973 " דער פוילישער פויער איז באוווּסט געווען ווי

1347 אן אויסגעשפראכענער <u>היימזיצער</u>".

<u>פרייבערג, 1, 89</u>.

(?ב?) || אײמזיצנדיק – אדי. דזוו דפוו,

ס׳רוב װעגן א פרוי, א שטוב=בעל=הביתטע.

1867 "װאס װעט די הײמזיצנדע יידענע אנגײן אײן

1351 ארטיקל איבער פעלהאנדל, איבער װאל אדער חזיר=האר?".

פער 177, נ׳ 23, ז׳ 178.

הײמיק – אדי. (?נ?)

1. (עלט, װעגן א פרוי) װאָס פאַרנעמט זיך מיט דער הײם. מיט דער שטוב (איז ניט די פּרנסה=געבערין, איז ניט קײן קרעמערקע).

1872 "דו ביסט דאָך א הײמיקע, א לײדיק=גײערקע, 1136 ביסט קלײן געװען אפּצופּאַסן דײן אײנציקע קינד |...|".
דיק, 58.

1887 " |...| דען װאָס דערלױבט זיך פּאַרט ניט יעדער 1132 יונגער הער, װאָס קערט אײן אין אײן װײנהאַנדל אנטקעגן אײן *ונגע און שײנע קרעמערין, זי מוז אננעמען פון אים פאַר א הױלן שפּאַס, װאָס בײ אײנער הײמיקע דאַמע װאָלט עס אפּגעלאָפן מיט אײנעם פּיץ=פּאַץ".
ליאָן דאַר, 2, 97.

2. היימיש, פון דער היים (ב"ב 1 - 2).

... " פיל לידער געהערט האטסו זינגען,// און פיל שוין

1135 זיינען אנטשוויגן.// פאר וואס הערט ניט אויף קיין

מאל קלינגען// און זינגען דער היימיקער ניגון".

רייזען, ליד "דער וואנדער".

ה יי מ יי ש - <u>אדי/אדוו.</u>

1. (<u>וועגן א מענטשן</u>) וואס קומט אפט ארייך אין דער געגעבענער היים, סביבה, געזעלשאפט, וואס מע קען אים/זי גוט.

% דער נייער קווארטיראנט איז גיך געווארן א <u>היימישער</u> מענטש אין דער משפחה. דער בחור איז געווארן אן אפטער ארייינגייער אין קלוב און געווארן <u>היימיש</u> מיט אלע מיטגלידער.

1888 " אוי, רחלע, דו ווייסט נישט, ווי <u>היימיש</u> ער איז מיר געוועזן, |...| נאך מער ווי אן אייגענער". 1192

<u>שלום=עליכם, 22, 160.</u>

1903 " די <u>היימישע</u> מענטשן זיינען געוועזן שטענדיקע איינגייערס ביי אים אין שטוב". 1140

<u>ספעקטאר, 3, 281.</u>

1929 "עטלעכע פון די הײמישע בעלי=בתים זענען געװאָרן
1185 אַזױ צעטומלט, אַז זײ האָבן פּחד געקראָגן אָפּצושטעקן דעם
פֿאַרשױן דעם געװײנלעכן שלום=עליכם".

בעל=מחשבות, 1, 26.

1947 " ײנגל צײט מײן באַרװעסע, װאָס לױפֿט אום מיט
1192/1 אַ טײבל,// באַבעצעס אין מעשענע שפּאַקולן, הײמישע,
באַקאַנטע".

גראַדע, 2, 43.

2. באַקאַנט. נאָענט.

% דער ניגון איז מיר עפּעס הײמיש, כ'האָב אים שױן ערגעץ
געהערט.

1930 " |...| דער ערדס שװאַרץ קלעפּעדיק הײמיש פּנים |...|".
אש, 11. 1186

1938 " איר ווערט היימישער מיט זייערע ווערטער |...|".

קאראלניק, 1, 57. 1190

1953 " פארמאכט ער דער יונג, זיינע אויגן. סארא מנחהדיקע |מנוחהדיקע? בלויקיים ארום! וואס זשע איז פלוצעם דורכגעפלויגן מיט וואכעדיק היימישן געזשום?

י. פרידמאן, 1, 134.

3. פון דער היים(פון דער אייגענע שטוב, משפחה, היימישע היימלאנדל

% דער עמיגראנט בענקט נאך דעם היימישן טייכל, נאך די חברים פון דעם היימשטעטל . מ'האט זיך געפרייט מיט די היימישע גרוסן.

1865 " יענע |אמאליקע| אלטפעטערישע היימישע פרנסות האבן איצט אויפגעהערט, דערפאר זיינען נייע אויפגעקומען". 1165

ארז, פער 177, נ' 46, ז' 698.

1912 " צווייטנס זיינען דאס די נאציאנאלע אינסטיטוציעס,

1148 ווי אייגענע שולן, אין אייגענע קירך, ווו דער גאטעסדינסט

ווערט געפירט אין דער <u>היימישער</u> שפראך".

<u>זשיטלאווסקי, 2, 267 |?207|</u>.

1935 " ס'אטעמען <u>היימישע</u> פעלדער מיט האניק פון יוגנט,//

1183/1 ווייסע בעריאזעס דערמאנען אין פריע מעת=לעת".

<u>סוצקעווער, 3, 30</u>.

1957 " בטבע אבער א מענטש א געזעצטער, האט ער זיך פארבענקט

1183/2 נאך די <u>היימישע</u> מקומות".

<u>ברוסילאוו, 2, 60</u>.

4. (<u>עלט</u>) וואס איז א תושב, א היגער, אן אלטגעזעסענער,

אן ארטיקער.

1863 " אן אורח פון דער פרעמד איז רעכט אים אויפצורופן

1154 |צו דער תורה|, אבער אז עס איז דא א <u>היימישער</u>, וואס עס

קומט אים דעמאלט אן עליה|...|, איז דער <u>היימישער</u> בילכער".

<u>דאנציג, 2, דף כ"ב</u>.

1906 " כעלעם דארף ניט קיין פרעמדע קבצנים, האט <u>היימישע</u>
בכבודיקע און אלערליי באהאלטענע ארעמע=לייט".
<u>פרץ, 17, 357</u>.

.5 (<u>וועגן רייד, שריפט</u>) פשוט, אומגעקינצלט, פאלקסטימלעך.

% דער שמועס איז געווען א <u>היימישער</u>, אן מליצות און הויכע רייד.

1963 " 'קום מאגנא גראנא סאליס', <u>היימיש</u> געזאגט, הייסט
עס: מען מוז היפש אונטערזאלצן". 1153
<u>ד. סדן, 47, תשרי, ז' 16</u>.

.6 א"א אליין געמאכט, צוגעגרייט אין דער היים, ניט פאברישנע.

% <u>היימיש</u> געבעקס. מע טרינקט א גלעזל <u>היימישן</u> ווישניאק.

1866 " ווער ווייסט נישט, אז אין א יידישער הויז שפילט
זייער א וויכטיקע ראלע דאס שטיקל <u>היימישע</u> חלה שבת |...|". 1180
<u>פער 177, נ' 6, ז' 91</u>.

1911 " ער האט געהאט היימישע פאפיראסן צו פארקויפן |...|".

1160 ווייסענבערג, 2, 76.

1923 " |...| איז דען א שלעכטע זאך ס׳יידישקייט –

1181 היימיש, היימיש: היימיש געקעכץ, היימיש לשון |..| –

היטן דארף מען עס, ווי אן אויג אין קאפ".

י.מ. ניימאן, 1, 122.

7. (וועגן רפואות, היילונג) אלגעמיין באקאנטע, גענוצט

אין די היימען אן דער אינטערוועגץ פון א דאקטאר.

% מ׳האט אים געהיילט מיט היימישע סגולות: באנקעס שטעלן,

אלערליי קרייטעער.

1867 " |...| און ווי נעמט מען נישט אויף |אין צייטונג|

1163/1 |...| א מאל א גלייכווערטל, עפעס פון היימישע רפואות|...|".

פער 177, ג׳ 23, ז׳ 177.

1949 " צו די היימישע מיטלען וועלכע מ'קען באנוצן

אויף אייגענער אחריות געהערן אלע נאזטראפנס". 1163

פער 152, נ' 3.

8. (וועגן בעלי=חיים) לעבן אין אדער לעבן דער שטוב.

% הינט און קעץ זענען היימישע בעלי=חיים.

9.(בלויז אדווערב, וועגן געפיל, באציונג). גוט, באקוועם,

פריי, נאענט (צו די געגעבענע מענטשן, משפחה, סביבה).

% פילן זיך היימיש. זיין היימיש. דער בחור פילט זיך

אומעטום היימיש, ווערט באלד חבר מיט אלעמען.

|1888| " עפעס האב איך מיך געפילט היימיש צווישן מיינע

לייט, אייגענע מענטשן". 1161

מענדעלע, 17.

1937 " שוין פונעם איינעם געדאנק, אז ערגעץ געפינען זיך

1161/1 דא מענטשן מיט ביקסן, מענטשן מיט בודיאנאווקעס,

זענען די יידן געווארן ביי זיך זיכערער, היימישער".

ב. אליעווסקי, פער 157, נ׳ 3(5), ז׳ 152.

1963 " עס איז איר פון דעם ענטפער געווארן היימישער".

1149 באשעוויס, 4, 75.

1966 " מאכט זיך היימיש! כ׳האב פיינט אנגעצויגענע מענטשן".

1152 ש. וויניצער, פער 155, 17/IV.

ד) א היימישע חתונה (מאכן) - א חתונה ניט פאר א גרויסן

עולם, נאר פאר דער נאענטער משפחה.

ער איז דערינען היימיש - ער איז אין דעם באהאוונט, געניט.

מאכן זיך היימיש - פילן זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

שורו:

בעסער זיך משדך זיין מיט א היימישן בעדער|וואר:מיט א היימישן גנ?|

ווי מיט א פרעמדן רב.

א פרמדער ארעמאן טוט דעם היימישן קיין טובה ניט.

ם

היימיש/היימש. מה"ד:

.4 ←-----

1541 " צו מורגנש ליש בבא אויז רופן איין הוב.// אונ'

1150 ורעד אונ' היימש ליש ער ווישן".

בבא=בוך. סטר' 612.

1612 " דרום ווערכר דער דא זעהין ווערט דז איין בתולה

1168 ווערט שפצירן גין |...| אויף דער גס עז זיי הויז טעכטר

אדר דינשט מיידן פרעמדי אדר היימישי |...| דער זאל

עז אן צייגין".

תקנות ק"ק פראג.

337 -ה

ה יי מ י ש ן - טרוו. צוגעוווינען בעלי=חיים צו לעבן
ביי/לעבן מענטש, צו טאן עפעס אן ארבעט אד"גל;
פארהיימישן.

% ער פארנעמט זיך מיט היימישן ווילדע פערד.

ה י י מ י ש ן ז י ך - אוטוו, (שנש) ווערן היימיש,
נאענט, באקאנט.

1950 " וועסט שטארבן מיט צעשראקענע אויגן// אין א פרעמד
1204 וואס וועט זיך // קיין מאל דיר ניט היימישן".
סיגאל, 3, 137.

ה יי מ י ש ק יי ט - <u>די, בא.</u> נאענטקייט, באקאנטקייט,
פרייקייט (אומגעצוווננגענקייט) אין אויפפיר און באציונגען,
ווי ביי זיך אין דער היים, צווישן אייגענע און נאענטע מענטשן.

1943 " שלום=עליכם, - זאגט ער פון <u>היימישקייט</u> און
יוצא=וועגן". 1209
<u>נסתר, 5, 24.</u>

1944 " |...| דערציילט פון זיין <u>היימשקייט</u> מיט דער
באבע לאה". 1207
<u>טרונק, 3, 77.</u>

1948 " דאס דארף דאך זיין א כבוד=זאך צו ריידן אונדזער
שפראך, - |...| א שפראך פון שאלות פסקענען, פון 1208
<u>היימישקייט</u> און מארק |...|".
<u>סעגאלאוויטש, 12, 225.</u>

ה יי מ ל אָ ז - <u>אדי/אדוו.</u>

1. אן א היים. (<u>איך ב׳ 1</u>)

% טויזנטער הימלאזע, ארויסגעטריבענע פון זייערע הייזער,
האבן זיך געלאזט אויף גאטס באראט.

1904 " קוקט זיך צו צו די געזיכטער,// צו די טרויעריקע,
בלאסע, // פון די <u>היימלאזע</u>, בארויבטע |...|". 1211/1
<u>עדעלשטאט, 2.</u>

1927 " |...| א שולע פאר <u>היימלאזע</u> קינדער, |...| און
אמבולאטאריעס פאר קראנקע |...|". 1220
<u>זינגער, 4, 271.</u>

1968 " שוין איך אנהייב פון קריג האבן קיין קארטשעוו
אנגעהויבן אנקומען <u>היימלאזע</u> יידן, וואס זענען פארטריבן 1221
געווארן פון פנסק און ארומיקע שטעטלעך".
<u>ה. גייער, יזב 2, 732.</u>

2. אן אן אייגן הימלאנד.

1974 " עס קאן זיין א מלך אן א לאנד, אבער עס איז

1212 נישט פאראן קיין דיכטער אן א לאנד, אפילו ווען ער

איז א דיכטער פון א <u>הימלאזן</u> פאלק".

<u>ר. אויערבאך, 2, 310.</u>

342 ה-

ה יי מ ל א ז י ק - אדי/אדוו. דזוו הײמלאז.

1948 " אויף מיילן=ווייט געהערט האט זיך דער טראט

1229 פון טרויער=מחנות הײמלאזיקע פליטים".

מארקיש, 9, 27.

## היימלאזיקייט - די, בא.

1. מצב פון זיין היימלאז, ב׳ 1.

1968 " איבער אלע מיינע וואנדערונגען, אין די שווערסטע

1231 טעג פון היימלאזיקייט, זענען צו מיר געקומען די שבת=

פארנאכטן אין מיין היים".

מ. גאלדשטיין, יזב 2, 451.

2. מצב פון זיין היימלאז, ב׳ 2.

1953 " ווילן מיר דאס אלץ דערגרייכן דורך אפשאפן די

1231/1 אנאמאליע, אויף וועלכער די געשיכטע האט אונדז

פאראורטיילט, דורך מאכן א סוף צו אונדזער היימלאזיקייט

און דאדנלאזיקייט".

גרינבערג, 2, 225.

היימלאנד – דאס, ~ לענדער. דאס לאנד ווו·
דער געגעבענער מענטש איז געבוירן געווארן, איז
דארט א בירגער; פאטערלאנד.

% טייער היימלאנד. ליב האבן דאס היימלאנד.
קעמפן פארן היימלאנד. בענקען נאכן היימלאנד.

1927 " בענק אהיים און האס דיין היימלאנד,//זיי
1464 אן אפגעבראכן צווייגל// פון א בוים א לאנג פארדארטן".
מ.ל. האלפערן, 2, 94.

1948 " און ס'האט אויף יעדן איבעררוף זיין נאמען זיך
1462 דערהערט: – // און שלאכט געפאלן פארן היימלאנד,
ווי א גיבור".
מארקיש, 9, 68.

1960 " |...| ער וואלט פילפאך פארלייכטערט די איינשטעלונג

1358 פון יידיש=ארבאישך שלום: מחמת אומשלום איז די

הויפט=מניעה צום ווידעראויפבוי פון <u>היימלאנד</u>".

<u>ריווקין, 4, 30.</u>

ה י י מ ל ע ך -

1. אדוו. ווי איך א היים ב"ב 1 - 2. (געמיטלעך,היימיש, באקוועם, רויק, זיכער, מיט א גוטן געפיל).

% פילן זיך היימלעך. קום מיט מיר, וועט זיין היימלעכער צו ג"|.

1898 " די דאמען האבן וואלפן זייער הערצלעך באגריסט, |...| און מיט אים היימלעך גערעדט". 1263

|1909-1907| " א מאל גיט זי א קוק אויף א מענטשן מיט אזוינע אויגן, מיט אזעלכע שטארע און שטעכעדיקע אויגן, אז עס ווערט פשוט נישט היימלעך".

פרץ, 17, 336.

1938 " דער אלטער האט גערעדט לשון=קודש און מיר האבן זיך פשוט מחיה געווען, |...| מיט אים איז אונדז געווען היימלעכער". 1234

מאנגער, 2, 292.

1943 - 1945| " און ווידער איז איך די ווינטערדיקע אוונטן

1278 געווארן היימלעך ביי די אראנסקיס אין וווינונג".

בערגעלסאן, 17, 689.

2. (אויך אדי, וועגן א צימער,דירה).

באקוועם, קאמפארטאבל.

% זייער וווינונג איז ניט קיין גרויסע, נאר זייער א

היימלעכע, מיט געשמאק מעבלירט.

3. (עלט) געהיים, בסוד, שטילערהייט.

1844 " אזוי איז ער זי |...| היימליך מקדש דאס קיינער

1256 ווייסט ניט |...|".

פאוויר, 1א, דף כ׳.

1872 " הקב"ה טוט אויף אלע דינג אלע טאג ניסים מט דעם

1249 מענטשן פארבארגן און היימלעך".

צאינה=וראינה, 3, פרשה כ׳ תשא.

ם

הימלךן מה"ד:

3. <------

1541 " אונ' דו זאלשט זיינר מוטר אנפיט זגן// דש זי

אירן זון לושט הימליך דר שלאגן". 1244

בבא=בוך, סטר' 59.

1679 "ווארום בישטו הימלך אנטלאפן |...| אונ' האשט

מירש ניט אן גיזאגט". 1276

בליץ, בראשית, לא - כז. |תי: באהאלטענערהייט|.

1716 " |...| אבר איין פאלשר דר זיך פר דיא לייט פרום

אן שטעלט אונ' הימליך טוט ער ביז". 1242

חובות הלבבות, דף צב.

(?נ?) ם |הימלעבערוווייז| ה יי מ ל כ ר וו יי ש - אדוו.

געהיים, בסוד, באהאלטענערהייט.

1703 " אונ׳ גרושי מחלוקת אן גפנגין, אונ׳ פיל קשרים

1282 גבונדן הימלכר ווייש אונ׳ אפין וואר".

מגלת איבה, ציט מ. עריק, 1, 196.

ה יי מ ל ע כ ק יי ט - די, בא.

1. אייגנשאפט אדער מצב פון זיין היימלעך, ב׳1.

1914 " צו וואס פראוואזשטעלסטווא? |...| פון היימלעכקייט ווע{ג}.
1284 שלום=עליכם, 36, 46.

רעד: זען מיין בוך, IV ג!

1920 " ׳אמעריקע׳ - איר פעלט די היימלעכקייט פון
1297 דער אלטער טראדיציע, דיפארצווייגטקייט פון דער
מענטשלעכער נשמה".
איינהארן, 7, 88.

1960 " אש |...| איז דער פאעט פון קינדישן שמייכל,
1303 קינדישער שרעק און קינדישער היימלעכקייט".
ניגער, 10, 18.

2. איינגנשאפט אדער מצב פון זיין היימלעך, ב"2.

1940 " וועמען בעטן, צו וועמען זיך ווענדן // אין

1307 היימלעכקייט פון צימערן שטילע |...|".

קושניראוו, 2, 73.

3. (עלט) געהיימעניש, פארבארגנקייט, סוד(ות).

1847 " זי זאגט צו יוסף זעץ דיך אויף דיזר שטול קעגן מיר,

1292 מיר האבן היימליכקייט צו ריידן".

פאוויר, 3, 6.

1872 " ניט זיי חושד, דאס ער זיך האט באוויזן צו מיר

1295 ביי נאכט אדער אויף פלאץ ווו היימלעכקייט איז,

נייערט ביי טאג, אפנבאר".

צאינה=וראינה, 3, פרשה נשא, (הפטורה).

ם **הימליכקייט.**

3. ←----

1668 " אונ׳ וועלכר אונטר אינן דער דא הט ווייצן פור

1290 הולן אונ׳ פור בורגן אין דער הימליכקייט".

יוסיפון, 3, דף ש"ז.

1701 " אונ׳ איבגליך אנטפלעק קיין הימלכקייט צו קיינר

1300 פרויאן אפילו צו דיין א יגן ווייב ניט".

מעשה=בוך, מעשה קצ"ח.

ה יי מ פ אָ ר ט – דער, =ן. דער פּארט וווּ די שיף

האט איר באזע צו וועלכן זי איז אפּיציעל צוגעשריבן.

הײמפֿירן - דאס, בא. (מערב=יידיש).

1467 " דאס אהיימפירן, דאס באלייטן אהיים, דאס יונגע
ווייבל דעם ערשטן שבת נאך דער התונה".

קטוו, בערנפעלד.

........................................:רעד..

רעד: באלייטן פון וואנען? פון דער שול?

..................................................

ה יי מ ע ל ע I - דאס, =עך. פקפ פון היים.

... " וויסט זיינען יידישע היימעלעך".

פאפירערניקאף, ליד, "אונטער די פוילישע ביימעלעך"

ה יי מ ע ל ע !! - |דאס?| "געשלעג" |קטוו|.

% |...| איך זאל גיין אין דער גאסעדארער קלויז און דארטן שילטן זייער רבין |...|. דאס האט אפילו געשמעקט מיט א הימעלע, נאר איך האב עס, מיט גאטס הילף, אויסגעפירט בשלמות|קטוו|.

רעד: אין קארטל איז דא אן אנווייז "ליב" - קען זיין ס'איז פון לינעצקין, פון וואנען?

היימען I - טרוו. (שנש) געבן א היים, באשיצן, באהאלטן.

1927 " דארט, אין זיינע טיפענישן,// ווו דער חשק קען

1069 דערשרעקן,// ווו די שטילקייט קען צעמישן,// און די

ווילד - אין זיך פארשטעקן,// היימען די געהיימענישן".

טקאטש, 1, 44.

1968 " בלוי איז געווען דערהימל, וואס האט געהיימט

1110 און געשירעמט די שאפערס די יונגע".

י.צ. שארגעל, פער 38, נ' 62, ז' 326.

(?ב?) היימען |!!ה יי מ ן - אדוו. אין דער היים.

... " העשטו דא היימן געשן |=געגעסן| איינן בראוטן//

1311 דער ווער דיר בעשר ביקומן".

מגילה מינכן, דף מ/104ב.

359 ה-

ה יי מ ע נ י ק - דער, =ס. (שש, רעג?) .

1. שלעגער.

|פער 92, נ׳ 8, 1938|.

2. חברהמאן, איינער וואס טוט אפ שפיצלעך |דצוו|. 1313

3. (וועגן א קינד) גרויסער שטיפער |דצוו|.

היימשטאָט - די, ~ שטעט. די שטאָט וווּ מ'איז געבוירן געוואָרן, וווּ ס'געפינט זיך (האָט זיך געפונען) די היים.

% געדענקען די היימשטאָט. בענקען נאָך דער היימשטאָט. זיי האָבן שיינע זכרונות פון דער היימשטאָט.

1954 " דאָס איז געווען קורץ נאָך מיין אַרויספאָר פון מיין היימשטאָט הרוביעשאָוו". 1474

א. אייזן, יזב 10, 311.

1973 " אַז איך האָב מיין זון, אַ צברא, אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן מיין אַמאָל, מיין היימשטאָט באַרשטשעוו, 1474/1

האָט ער פון אָנהייב נישט געוואָלט מיך אויסהערן".

בלומענטאַל, 1, 10.

ה יי מ ש ט ע ט ל - דאס, =ער. דזוו היימשטאט נאר וועגן
א קלענערן שטעטל, יישוב.

% אין דעם ליד "בעלץ" באזינגט דער פאלקסזינגער זיין
היימשטעטל.

1954 " |...| אין זיין היימשטעטל וולאדאווע, ווו· ער
איז געווען טעטיק אין די מזרחי=קרייזן".
יזב 10, 752.

ה יי מ ש פ ר א ך – די, =ן. די שפראך וואס משפחה=
מיטגלידער רעדן צווישן זיך אין דער היים (צום אונטערשיידן
פון סביבה=שפראך, וואס איז א מאל אן אנדערע).

% מיט זיינע קאלעגן ביי דער ארבעט רעדט ער עברית
אדער ידי היימשפראך איז נאך יידיש.

1951 " ביי די אריגינעלע קורלענדער איז דייטש געווען
די אויסשליסלעכע היימשפראך, אפילו ווען מען האט
פארשטאנען יידיש און מען האט גערעדט יידיש".
ב. ריווקין, פער 106, 412.

ה יי נ ג ע ן - ------→ הענגען.

ה יי נ ו |היינע| - פארט. דזוו דהיינו.

1832 " זיין ערשטע מחשבה ורצון |זאל זיין| אין הרהור=תשובה,

היינו - צו דערמאנען זיך |...| די שלעכטע הרהורים, 1498

וואס ער האט אן זיך |...|".

דוב בער |...|, ו, דף א' |?|.

1881 " צווישן דעם באלקן און דער סטעליע |...| א רעכטע

ביבליאטעקע פון ספרים, היינו: מחזורים, סליחות, קינות, 1499

|...| בבא=מעשה, צענטורע=ווענטורע, שבחי בעש"ט".

שאצקעס, 1, 15.

1901 " |...| און איך פארלאנג, אז בני=ביתי, היינו:

אשתי תחיה ובני וחתני שיחיו זאלן מפריש זיין צוויי

מאל מעשר |...|".

פרץ, דערצ' "פיר צורות |...|".

/7 (ס'איז) היינו=הך |היינע=האך| - (ס'איז) דאס אייגענע.

% מיט דער שאלה קען מען גיין צום רב אדער צום דיין,
ס'איז היינו=הך.

1958 " איך יידישן באנעם, איך לייוויקס באנעם, זענען
דער באטירלעכער סדר העולם און די מאראלישע וועלט=ארדענונג 1509
היינו=הך".
א. שטיינבערג, פער 38, נ' 32, ז' 16.

1973 " |...| גלייך ווי תורה און דער רבונו=של=עולם
זענען היינו=הך, איין זאך". 1505
א.י. העשל, 1, 19.

היינו דאמרי אינשי | היינע דעאמרע אינשע| - דאס איז ווי
מענטשן זאגן (באגעגנט זיך אפט אין גמרא פאר ציטירן
א ווערטל, שפריכווארט, אנאלאגיש צום יידישן:
" די וועלט זאגט א ווערטל").

<u>היינט I</u> - <u>אדוו.</u>

1. אין דעם געגעבענעם, קאנקרעטן טאג, ווען די ווערטער ווערן ארויסגעזאגט.

% <u>היינט</u> וועלן מיר גיין אין טעאטער. לאמיר זיך אפרעדן צו טרעפן <u>היינט</u> אין אוונט. <u>היינט</u> איז שבת, פארן מיר אין ערגעץ ניט.

1843 "|...| איר ווייסט גאר נישט פון יעקלס פארמעגין//
1513/1 ער האט דעך דאס הערשט <u>האנט</u> |=היינט| באקימין פון
קיסער פערווילעגין //אויף א גיחסמיטין בוגין פאפיר|...|".

<u>פישלזאהן, 1, 64.</u>

1890 " איך האב דען <u>היינט</u> געגעסן, נעכטן געגעסן? וואס איז <u>היינט?</u> דינסטיק! מאנטיק און דינסטיק האב איך דאך ניט קיין טעג".

<u>פרץ, 17, 56.</u>

1922 " ניין, נישט פשוט איז מיין שלוקעכץ - // ערגעץ,

1513/2 קינד=לעב, ווייט צי נאנט,// ווערט דער נאמען פון דיין

באבען// <u>הײַנט</u> א גאנצן טאג דערמאנט".

<u>אוליצאווער, 1, 59.</u>

1957 " <u>הײַנט</u> איז דער פריפיעט א ביסל רויקער ווי אין

1513/3 א וואכנדיקן טאג".

<u>ברוסילאוו, 2, 176.</u>

2. איצט, אין דער איצטיקער צייט, אין דער איצטיקער תקופה.

% א מאל פלעגן אלע יידן גיין אין לאנגע קאפאטעס, <u>הײַנט</u>

טראגן זיי נאר גאר פרומע יידן. דער לעבנשפאן פון א

מענטשן איז <u>הײַנט</u> א סך לענגער. ס'איז <u>הײַנט</u> א טאג=טעגלעכע

זאך צו פליען אין אן עראפלאן.

|182...| " נא, וואס טיט מן דא היינט? זאל מן גאר באטשאטש
איצט אובער הופערן איך ווייגן דיא אב הטומאה, איז 1563
עפיס נישט שייך |...|".
מאלאגא, 1, 239.

1873 " |...| אפילו מיט בהמות, אפילו מיט זיי באגייט
מען זיך היינט מיט בארעמהארציקייט |...|". 1563/1
מענדעלע, 1, 63.

1930 " |...| און דאס, וואס זיי געפינען, נעמט ער
|דער אמעריקאנער| צו, מיט דעם אונטערשייד, וואס א מאל 1563/2
פלעגט ער נעמען מיטן רעוואלווער, היינט – מיטן געזעץ".
איינהארן, 7, 203.

1970 " |...| היינט זיינען מיר דא, איך אונדזער געוואנדע
|?| פון דער נאצישער קנעכטשאפט". 1563/3
ישראל קאפלאן, 2, 152.

3. (סובסטאנטיווירט) דער היינט - דער איצט, די איצטיקע צייט, דער איצטיקער מאמענט, דאס איצטיקע לעבן.

% זיי אינטערעסירט נאָר דער היינט. זיינע ווערק שפּיגלען אָפּ דעם היינט פון יידישן לעבן.

1912 " אין דעם געפּעקט פון דעם 'היינט' טראָגן מיר אַריבער אונדזער ליבע און אונדזער האַס אויף די דערשיינונגען פון דעם 'נעכטן'". 1574/1

זשיטלאָווסקי, 2, 193.

1928 "|...| ניט דאָס |...| איינגעשטעלטע, |...| אויסקריסטאַליזירטע אין לעבנ=שטייגער |...| איז וויכטיק פאַר דעם קינסטלער, 1581
נאָר דאָס |...| אומרויקע און אומפעסטע פון דעם ניט=זיכערן היינט".

ניגער, 3, 128.

1966 " צי וועט מען אין מיין ליד דערקענען מארגן// מיין
גרויסן היינט מיט אלע זיינע זארגן |...|". 1533
האלקין, 4, 5.

4. קאניונקציע, בינדט זאצן מיט די באטייטן: און (נו און), טא, איז אויב אזוי, א"א.

% אויב ער האט זיין בעסטן חבר ניט געליען, היינט ווי וועט ער דיר א פרעמדן לייען? זייאיז שיין און קלוג, היינט איר קענען שפראכן, איר שפילן אויף פיאנע! דו פארסט דאך ניט, היינט וואס זשע איז דאס פאקן זיך מיטן געזעגענען?

1898 "איך האב א סך מאל געהערט פון אדעסא דערציילן, וואס פאר א שיינע שטאט דאס איז, וואס פאר א פאלעסטע |פאלאצן| דארט זענען דא, היינט זשע דער ים מיט די פילע שיפן |...|".
אויזעריקס, 9,1.

1911 " זי |בודי| איז עלטער פון מיר מיט א יאר. און אפשר
1558 מיט צוויי, איך א ינעם זיינען מיר נישט אלט קיין
צוואנציק יאר. <u>הייגט</u> זעצט איין אוועק, זייט מוחל,
און רעכנט אויס, וויפל בין איך אלט און וויפל זי?".
<u>שלום=עליכם, 13, 9.</u>

1957 " ער וואלט זייער וועלן גיין צום רבין, אבער
1561 דאקטוירים זאגן, אז עס גייט ר"ל אין שעות, <u>הייגט</u>
וואס זאל ער גיין?".
<u>איבז אנ, ליקוטי דיבורים11, דף קנ"ט.</u>

5. קאנױונקציע, בינדט זאצן מיטן באטייט: (א)חוץ (דעם), דערצו נאך).

% ס'איז דארט א שווער לעבן, <u>הייגט</u> דארפסטו וויסן, אז דארטן איז קאלט, גרויסע פרעסט.

1873 " איך מיין, אז מיין ארבעט איז ווערט א סך מער ווי היי

הויפן גראז!...דאס האסטו איין מאל, היינט פארגעס 1575

נישט, אז מיך קוועטשן די אומשטענדן, מיך צווינגט די נויט".

מענדעלע, 1, 26.

1891 " חלה האב איך שוין |אויף שבת|, פלייש אויך|...|.

נו בראנפן אויף קידוש... היינט דארף מען נאך עטלעכע

דרענגלעך |...|".

פרץ, 17, 61.

0 היינט א יאר – אדוו פר. פאר א יארן אין דער צייט.

1935 " נישט אזוי האט אויסגעזען נײַנט א יאר ביים

יום=טובדיקן טיש". 1553

פערלע, 3, 141.

היינט צו טאג – אדוו. פר. היינט, ב' 2.

1934" זון מיינער, א פרינץ אפילו דארף דאך <u>היינט צו טאג</u>

1646 זיך לערנען עפעס טאן".

<u>מ.ל. האלפערן, 4, 161.</u>

1938 " נאך <u>היינט צו טאג</u>, אז איך דערמאן זיך,|...|

1596/1 כאפט מיך אן א גרויל".

<u>מאנגער, 2, 302.</u>

<u>פון היינט אן</u> - <u>אדוו. פר.</u> אנהייבנדיק פון היינטיקן טאג.

<u>פון היינט אן</u> גייען שוין די קינדער אין שול אריין.

<u>היינט זשע ווידער</u> - (<u>רפטמ) דזוו היינט, ב׳ 4</u>.

<u>היינט=מארגן</u> - גאר אין גיכן.

<u>היינט=מארגן</u> וועט א יספאלן א שניי.

1906 " דעם כעלעמער רבס פאדעם – כמעט נישט מיטן אויג
צו דערזען, היינט=מארגן רופט מען אים!".
פרץ, 17, 352.

1963 " זי האט געהאט אין אמעריקע א קו,ין |...| און זי
1600/1 פלעגט אפט רעדן, אז ער וועט איר היינט=מארגן ארויסשיקן
א שיפסקארטע".
באשעוויס, 4, 73.

גערענקען ווי היינט – גוט געדענקען, האבן פריש אין זיכרון.

1924 " און זרחי געדענקט נאך ווי היינט,// ווי א הינט
1600/2 האט זיין ווייב סקאווהטשעט |...|".
מ.ל. האלפערן, 1, 265.

ניט היינט, ניט מארגן – קיין מאל.

היינט איז פורים – "ס'איז סעזאנצייט, די ארבעט ברענט".
|ש. ווינשער, וולאצלאוועק, ציט פער 162, 419|.

ס׳איז היינט ניט געבארן געווארן - ס׳איז שוין אלט,
אן אלט באקאנטע זאך.

ניט היינט געדאכט - (פטמ) באמערזאץביים דערמאנען אן
אומגליק, צרה, קראנקייט, וואס איז א מאל געשען.

מעגסט רעדן(שרייען, וויינען) פון היינט ביז מארגן
(וואר: שריי היינט, שריי מארגן) - ס׳וועט גארניט
ארויסקומען, ס׳וועט גארניט העלפן, ס׳איז פארפאלן.

|...| היינט,|...| מארגן - אזוי צי אזוי, אזוי צי אנדערש,
נאך א מאל דאס אייגענע און נאך א מאל דאס אייגענע.

|1903| " די זעסט |...| אט די דאזיקע חתימה? דאס איז די
חתימה פונעם פרעזידענט אליין, פון אמעריקע, צוגעשיקט 1608
גלייך אויף מיין נאמען פון סאן=פראנציסקא, קאליפארניע -
מילא, קאליפארניע היינט, קאליפארניע מערגן, אז איך ווייס
נישט מיט וואס מען עסט דאס!".
שלום-עליכם, 27, |דערצ׳ די פריילעכע קאמפאניע, קאפ ז׳|.

<u>היינט דא, מארגן דארט</u> – וועגן עמעצן וואס האט ניט קיין שטענדיק ארט, וואס וואנדערט ארום.

<u>שרר</u>:

<u>לייג ניט אפ אויף מארגן, וואס צו קאנסט טאן היינט</u>

(<u>וואר</u>: <u>וואס דו האסט היינט צו טאן, לייג ניט אפ אויף מארגן</u>).

<u>וואס דו האסט היינט צו עסן, עס מארגן; וואס דו האסט מארגן צו טאן, טו היינט</u>.

<u>בעסער היינט אן איי, איידער מארגן א הון</u>.

<u>היינט רויט, מארגן טויט</u>.

<u>היינט שלעכט וואס נעכט רעכט</u>.

<u>א מאל איז געווען, און היינט איז ניטא</u> (<u>וואר</u>: <u>נאך א מאל היינט איז ניטא</u>).

אויב ניט היינט, איז מארגן, אויב ניט מארגן, איז איבער א יאר.

ם

הייט/ היינט. מה"ד:

<----- 1.

1544 " דוא זולשט אין דיינם הויש מיט גימאך היינט דיין//

1539/1 אונ׳ זולשט רואן // פפּלעגן מיט דער ורויאן דיין".

שמואל=בוך, סטר׳ 1259.

1679 " |...| מארגין איז דער שבת |...| וואס איר וועלט

1524 מארגין באקין דאש באקט הייט".

בליץ, שמות, טז - כג.

<----- 2.

1676 " מן זול ניט ראטן דש איז הייט גוט צו טון דש איז

1516 מורגן גוט צו טון |...|".

ברנט שפיגל, פרק ס׳.

378 ה-

1721 "אונ' היינט זי ווערן גיעפנט דרייא ספרים די דא

1516/1 זיין בישיידליך אונ' גיפינטלט".

מחזור, 2, דף ס'

(?נ?) ה יי נ ט אָ ג י ק יי ט - <u>די, בא.</u> (<u>שנש</u>) איצטיקייט,
אקטועלקייט.

1959 " דער אפצאל דער '<u>הײנטטאגיקייט</u>' איז |אין דער
1611 פיעסע| ארויס שוואך און געקינצלט".

<u>ל. ליטווינאוו, פער 110ג, 1979.</u>

(?נ?) ה יי נ ט וו ע ל ט - די, בא. (שנש) די וועלט פון

אונדזער תקופה.

1923 " קעגנזאצן, ווידעראנאנדן, צעשפליטערטקייט פון

1613 דער אומפולקומער הייגטוועלט ווערן פארביטן מיט

פולשטענדיקער הארמאניע".

י. מארק, פער 120.

381 ה–

הײנטװעלטיק – אדי (אפּט סובסטאַנטיװירט).

1. פֿון דער הײַנטיקער, װעלט (באַציט זיך צו דער השׂכּלה=תּקופֿה) אויפֿגעקלערטע, געבילדעטע, װאָס פֿירן זיך אײראָפּעיִש. ניט אויפֿן פּאַרצײַטיש, פֿרום=ייִדישן שטייגער.

% ער איז אַ הײַנטװעלטיקער, טראָגט ניט קיין לאַנגע קאַפּאָטע, לערנט זיך דײַטש.

1885 " די הײַנטװעלטיקע ייִדן האָבן שוין אַפֿילו

1618 אַרויסגעשטופּט פֿון דער מאָדע דעם ייִדישן שלום=עליכם צוזאַמען מיט נאָך אַ סך ייִדישע אײַנפֿירונגען, װעלכע זיי רופֿן אָן אַלט=ייִדיש, קלײנשטעטלדיק".

פֿער 74, נ׳ 2, ז׳ 20.

" ווער עס זיצט אין שטוב, ווי א באבע, מיידט אויס 1911
געזעלשאפט פון היינטוועלטיקע מענטשן |...| אט בלייבן
יענע נישט מער ווי בעל=מלאכות".
בלאשטיין, 13, 46.

" דו זוכסט זיך א חתן אן פיאות, נאר א 'היינטוועלטיקן' 1929
1697 אן 'אריסטאקראט'".
ספעקטאר, 5, 42.

" אויפן בדחן האבן געקוקט קרום רבנים, לומדים 1951
1619 און זייער פרומע יידן, און פון דער אנדערער זייט,
האבן אים פאראכט די אויפגעקלערטע, היינטוועלטיקע יידן".
י. קיסמאן, פער 106, 821.

1. (וועגן ביכער) פון וועלטלעכן, ניט רעליגיעזן תוך.

% דער יונגערמאן איז געווארן ן הפיקורס פון לייענען
די טריף=פסולע היינטוועלטיקע ביכלעך.

1951 " מיט אונדז, יונגע גמרא=יינגלעך, איז אויך געווען
איינער אן עלטערער גמרא=בחור |...|, ער האט אונדז, 1698
יינגערע, אונטערגעווארפן הײנטוועלטיקע ביכלעך אויף ייִדיש".
ב. י. ביאלאסטאצקי, פער 106, 1220.

1959 " |...| מען האט געדארפט צוגעווייִנען דעם עולם
צו הײנטוועליקע ביכלעך". 1614
ניגער, 9, 90.

3. מאדערן.

1929 " א מאל איז דא געווען דאס הארץ פון ווארשע.|...|
איצט איז דאס אן אפגעלעגן ארט, א פארצייטיקער אנוווּקס 1695
אויפן גוף פון דער הײנטוועלטיקער שטאט"!
א. קאציזנע, פער 23, 551.

1957 " |...| חוץ דעם ווילט זיך דאך א מחבר א פאלקסמענטש

1615 קלינגען ׳איינטעליגענטיש׳, <u>הײנטוועלטיק</u>, גרויסשטאַטיש|...|",

<u>מ. שעכטער, פער 90, נ׳ XVII–1.</u>

ה יי נ ט ו ו ע ל ט י ק יי ט - די, בא. אייגנשאפט פון

זיין היינטוועלטיק.

ה יי נ ט ו ר ע ל ט י ש – אדי. דזוו היינטוועלטיק ב׳1.

1865 " אונדז דאכט זיך, אז דא דארף גאר אויפהערן דער

1702 חילוק פון חסיד ביז מתנגד אדער היינטוועלטיש

|טעקסט:היינטיגוועלטיש|".

ארז, פער 177, נ׳ 4, ז׳ 57.

1916 " משה=איציק איז שוין סמילעווער |מוטיקער| פון

1703 איר. ער איז דאך נישט קיין בית=מדרש=בחורל. ער איז

א יינגל א סוחר, א היינטוועלטישער".

זילבערבוש, 1, 23.

1970 " דער רבי האט א זאג געטאן צו איר: – א היינטוועלטישער,

1699 אבער מיט א יידישער נשמה".

י. באשעוויס, פער 155, XII/5.

ה יי נ ט ו ו ע ל ט ל ע כ ק יי ט - די, בא.

אייגנשאפט פון זייך היינטוועלטיק.

1951 " דער אלטער חדר און די תלמוד=תורה האט זיי |די יידן|

אין גאנצן באפרידיקט. דער סימן פון היינטוועלטלעכקייט

איז באשטאנען אין דעם, וואס מען האט שוין געלערנט א

ביסל פויליש, רוסיש און רעכענען".

י. שאצקי, פער 106, 705.

(?נ?) ה יי נ ט י ס ט - דער, =ן. (שנש) דער וואס האלט פון געניסן פון היינטיקן טאג, פון עולם הזה.

1964 " איך בין געוועזן דער היינטיסט און געטענהט, אז גוטער ווייַן נייטיקט זיך אין א סך געכטנס, אבער טרינקען טרינקט מען נאר דעם ווייַן פון היינט".

י. מארק, פער 38, נ׳ 49, ז׳ 111.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש – נייטיק א ברייטערער קאנטעקסט. אויך דאכט זיך אז מארק ציטירט דא עמעצן – וועמען?

ה יי נ ט י ק – אדי.

1. פון דעם לויפנדיקן טאג (מעת=לעת) ווען די רייד ווערן
ארויסגעזאגט.

% איך לייען די היינטיקע צייטונג. דער היינטיקער
מיטאג איז געווען א שעשמאקער. די היינטיקע האכט איז
דער חולה איבערגעקומען גוט.

1865 " האב איך נאר געקאנט העלפן דעם אומגליקלעכן געזינטל
1679/1 מיט א קלייניקייט, כאטשבי אויף היינטיקע וועטשערע".
ג.י. ראוויטש, 1, 51.

1916 " אלע האבן פארשטאנען די |...| תפילה: 'הלוואי,
1679 רבונו=של=עולם, יידן זאלן האבן אפגעקומען מיט דעם
היינטיקן שרעק".
זילבערבוש, 1, 70.

1962 "אײדער מיר גײען װײטער מיט אונדזער |...|
1664 הײנטיקן װיסנשאַפטלעכן אַרטיקל |...|".
י. װאַלאַך, פער 69, 27/V.

2. פון איצט, פון דער איצטיקער, אַקטועלער צײט, תקופה.

% הײנטיקע מאָדעס. הײנטיקע פּירונגען. די הײנטיקע װעלט.
דאָס הײנטיקע לעבן.

|...182| " מ'האָט אָנגיהױבן צי זאָגן אַז דער הײנטיקער
1624/1 דור דעה האָט שױן זוכה געװעזן גיװואַר צי װערין פון
דיא חלפים מוט דער הרגשה װאָס מימי משה רבינו אַן
האָט מן דערפין גאָר נישט גװױסט".
מאַלאַגאַ, 1, 227.

1873 " אמת טאָקע, די הײנטיקע קונדסים גײט אױך גאָרנישט
1690 אָפּ, נאָר װי קומען זײ אָבער דאָך צו די אַלטע".
מענדעלע, 1, 23.

1907 " מע שמועסט שוין גאר וועגן א שידוך?... א קשיא
אויך <u>הײַנטיקע</u> קינדער!... און עס באשלאגט אים אזש 1690/1
א שווייס פון דעם געדאנק".
<u>שלום=עליכם, 18, 107</u>.

1959 " דער ארבעטער=קלאס קאן זיך בכלל ניט פארגינען אין
דער <u>הײַנטיקער</u> געזעלשאפט צו איזאלירן זיך קולטורעל פון
דער ארומיקער וועלט".
<u>ניגער, 9, 71</u>.

3. (<u>אפט סובסטאנטיווירט</u>)(<u>עלט?</u>)אויפגעקלערטע, די וואס פירן
זיך אייראפעיש, ניט אויפן פרום=יידישן שטייגער(משכילים).

1888 "ווי הייסט עס ביי זיי, די <u>הײַנטיקע</u> דארט, 'אויפגעיורן'?"
<u>מענדעלע, 3, 181</u>.

1910 " זאגט מיר, איך בעט אייך, קענט איר <u>הײַנטיקע</u> אפיקורסים?"
<u>פרוג, 3, 65</u>. 1640

1948 " דאך איר האט פארדראסן און זי האט געליטן,//

1666 וואס היינטיקע ווילן די מצוות ניט היטן".

<u>סעגאלאוויטש, 12, 75</u>.

4. מאדערן, פראגרעסיוו.

1921 " יהודה איז צו פיל היינטיק, עס איז שוין באלד ניט

1684 ארץ=ישראל".

<u>אש, 4, 206</u>.

1929 " |...| האט זיך געהאלטן פאר א גאנצן 'היינטיקן',

1678 האט ליב געהאט אויף זיך צו זאגן: |...| 'איל בין ליבעראל'".

<u>האראנטשיק, 2, 56</u>.

1950 " מיר זיינען אלע <u>היינטיק</u>, איצטיק, דאיק".

1685 <u>סיגאל, 3, 106</u>.

/7 __ביזן היינטיקן טאג__ - ביז איצט, ביז דעם אקטועלן מאמענט.

... "אז איר טוט א קוק, |...| קענט איר זען אלע מאדעס

1673 פון כמעלניצקיס צייטן ביזן היינטיקן טאג |...|".

__מענדעלע, 22ב, 68.__

1968 " __ביזן היינטיקן טאג__ - איז נאך נישט געמאכט געווארן

קיין גרינטלעכער סך=הכול פון אנסקיס ארבעט אויפן

געביט פון יידישן פאלקלאר".

__ב.י. ראזען, יזב 2, 645.__

__ביי היינטיקן טאג__ - איצט, אין דער איצטיקן ליפנדיקן מאמענט.

% ביי היינטיקן טאג ציילט די באפעלקערונג פון שטאט 4 מיליאן.

1932 " |...| קען די דאזיקע 8=בענדיקע אויסגאבע|פון לעבינס

1673/2 ווערק| אונדז שוין __ביי היינטיקן טאג__ ניט באפרידיקן |...|".

__נ. רובינשטיין, פער 26, נ' 1 - 2.__

(דעם) היינטיקן טאג - (אקוזאטיוויש) היינט, ב׳ 1.

היינטיקן טאג.

1865 "|...| דער בעל=הבית האט געזאגט צום פועל: - דו

1673/3 זאלסט מיר אויסקלייבן די שלעכטע גראז פון פעלד

היינטיקן טאג |...|".

אנ. שביל. המלמדך. בבא מציעא. דף ו׳.

... " ווער איז דיר איבערגעגאנגען דעם וועג היינטיקן טאג?

1669 שלום=עליכם. 6א. 4.

... " ווילסטו, וועט דיר דייך מזל אויפשיינען נאך דעם

1634 היינטיקן טאג".

פרץ. "מסירת נפש".

1941 "און אט אזוי ווי דייך לעבן איז געווען גרויסגעשאצט

1669/1 אין מיינע אויגן היינטיקן טאג, אזוי זאל מיין לעבן

זיין גרויסגעשאפט אין די אויגן פון גאט".

תרגום יהואש, שמואל א׳, כו - 24.

<u>הײנטיקע נאכט</u> - הײנט בײ נאכט.

% ... "זאלסט זײ מער נישט שיקן,// כ׳װעל זײ מער נישט אנקוקן,// דאס שװער איך דיר צו די הײנטיקע נאכט".

<u>פל.</u>

<u>הײנטיקס יאר</u> - אין דעם לויפנדיקן יאר, הײ=יאר.

% הײנטיקס יאר זענען די עפל שטארק געראטן.

<u>הײנטיקס מאל</u> - דאס מאל.

% <u>הײנטיקס מאל</u> שענק איך דיר די שטראף, אבער מער ניט.

1873 " <u>הײנטיקס מאל</u> איז אים נישט באשערט געװעזן צו זען זיך געזונטערהײט מיט זײנע קינדער".

<u>מענדעלע, 1. 97.</u>

<u>היינטיקע צייטן</u> - אין דער איצטיקער צייט, אין דער לויפנדיקער
תקופה.

% <u>היינטיקע צייטן</u> איז גרינג צו פארן איבער דער וועלט.

1928 " |...| דאן וועט געשאפן ווערן די גר יסע, איבער=
פערזענלעכע מיטאס=געשטאלט פון <u>היינטיקע צייטן</u>". 1690/2
<u>ניגער, 3, 210.</u>

1964 " <u>היינטיקע צייטן</u> איז שוין גארניט אזוי נייטיק איב
איבערצוקרייצן א גרענעץ". 1690/3
<u>ב.צ. גאלדבערג, פער 69, I/8.</u>

<u>היינטיג.</u> ם

1723 " אונ' דא הער קומט נאך <u>היינטיגש</u> טאג דער מנהג פון
זאלבי דען מלכים פון פרנקירייך מיט איין אייגנטליך איל". 1643
<u>בית ישראל, דף יג.</u>

1771 " דעך היינטיגן טאג זאלסט דוא האלטין פר איין

1643/1 פאלשן גזעלין |...|".

בן המלך והנזיר.

ה יי נ ט י ק = וו ע ל ט י ש - אדי. דזוו היינטוועלטיק, ב'1.

1956 "דער טאטע האט געהאט א בייז אויג אויף די

1701 היינטיק=וועלטיקע".

באשעוויס, 5, 31.

ה י י נ ט י ק י י ט - די, בא. (שנש).

1. די היינטיקע (איצטיקע, אקטועלע) צייט, עפאכע.

1967 " מיר קאנען אליין זיין די היסטאריקער פון אונדזער

1692 היינטיקייט, און מיר קאנען דאס טאן מיט א סך מער

פינקטלעכקייט ווי די היסטאריקער פון מארגן".

אהרן צייטלין, פער 69, !!!/17.

2. אקטועלקייט.

% דאס בוך אטעמט מיט היינטיקייט, ממש מיט די לעצטע געשעענישן.

ה יי נ ט י ק = מ אָ ד י ש - <u>אדי.</u> (<u>עלט</u>) <u>דזוו הײנטמאדיש</u>.

|1895| " אז די <u>הײנטיק=מאדישע</u> בילדונג האט ווי א מגפה

זיך ארײנגעכאפט און אנגעמאכט צרות, האט גאט אונדזער 1705

שטעטל פון אזא פורעניות אויסגעהיט".

<u>מענדעלע, 7ב, 24.</u>

ה יי נ ט י ק ( ס ) י אָ ר י ק - <u>אדי</u>. פון איצטיקן, לויפנדיקן יאר.

% דער <u>היינטיקסיאריקער</u> ווייַן אויף פסח איז גאר געראטן.

ה יי נ ט י ק ס י אָ ר ע ד י ק - אדי. פון איצטיקן, לויפיקן יאר.

1873 " פאראיאריקע און היינטיקסיארעדיקע בעל=הביתלעך ווּאס עסן קעסט". 1701/2

מענדעלע, 1, 53.

ה יי נ ט י ק = צ יי ט י ש - אדי. (עלט) דזוו הײנטצײטיק.

1865 " אט אפנים, אז קריסטן מאכן ניט אזוי חוזק אויס

1712 דעם יידישן ייחוס, ווי א טייל היינטיק=צייטישע

אויפגעקומענע אויפגעקלערטע".

פער 177, נ' 3, ז' 38.

(?נ?) ה יי נ ט י ש - אדי. (עלט?) דזוו הײנטיק, ב"ב 2 - 3.

1913 " די מחותנתטע דארף אבער געדענקען, אז שרהלע

1694 איז א הײנטיש מענטש און האט דאס רעכט נישט צו וויסן,

וואס ס'איז פאר צייטנס געווען".

י. האלפערן, 1, 11.

## היינטמאָדיש - אדי/אדוו.

1. פון דער איצטיקער(פון דער לעצטער) מאדע.

% היינטמאדיש קלייד. היינטמאדישע שיך מיט שארפע שפיצן.
היינטמאדישע טענץ.

... "|...| א כפרה פאר אים אלע היינטמאדישע אויפגעפירענע
1707/1 און אויפגעבלאזענע פאשטעטן |...|".
מענדעלע, 20, 8.

2. פון דער איצטיקער צייט, מאדערן.

% היינטמאדישע יונגע=לייט האבן נישט חתונה דורך א שדכן.

1963 "|...| זיי זיינען געווען די בעסטע קעכינס, און
1706 ווען די היינטמאדישע פרויען וואלטן געקענט קאכן, אזוי ווי
די מאמעס און באבעס, וואלט מען זיי אויסגעכאפט אין
האטעלן און רעסטאראנען".
ס. גרין, פער 155, 19/VIII.

ה יי נ ט מ אָ ל – אדוו. דאס מאל, איצט, ס'רוב געניצט
אין דער אדוו פר:

0 פון היינטמאל אָן – פון איצט אָן, אההייבנדיק פון
איצטיקן מאמענט.

|1819| " איבר דעם האבין מיר אלע אבגיקלערט, מען זאל
1657 פון היינטמאהל אָן שוין נישט אויף ר' מאיר בעל הנס,
נאר אויף דעם בעשטס נשמה מנדר זיין".
י. פערל, 1, 190.

|1907| " |...| אלץ געווען א מאל, פון היינטמאל אָן – אויס".
1656 אש, 7ב, 21.

1924 " |...| פון היינטמאל אָן דארפן זייערע בילדער צו
1657/1 ווערן פאר דער משפחה דאס אייגענע, וואס דאס בילד
פון דעם גענעראל |...|".
ע. ווארשאווסקי, פער 100ב, 30.

(?נ?) ה יי נ ט = צ ו = ט א ג י ש – אדי. (שנש) פון איצט, פון איצטיקן מאמענט.

1944 "|...| ליכט פון מיין צער היינט=צו=טאגישן".

1659 נאדיר, 12, 111.

ה יי נ ט צ יי ט י ק - אדי. פון היינט (ב' 2), מאדערן,

אקטועל. די היינטצייטיקע ליטעראטור. דער היינטצייטיקער

שרייבער. דאס היינטצייטיקע לעבן.

1929 " דא שטויסן מיר זיך אן אויף דעם גרויסן קעגנזאץ

צווישן די היינטצייטיקע טעכנישע שאפונגען, וואס דינען

צום איבערטראגן געדאנקען, פון איין זייט, און די יעניקע

|...| וואס ווערן באנוצט אויף אריבערצופירן משאות".

איבז א. בולקין, 1, 107.

1965 " און אפילו וואס אין דיר איז היינטצייטיק און

מאדיש, // ווערט פארוויקלט מיטן טלית פון אר"י הקדוש". 1713

ח. גראדע, פער 69, 25/IV.

| |
|---|
| רעד: זוכן אנדערע ציטאטן, ניט איבער־עצונגען און ניט פון פעריאדיק. |

ה יי נ ט צ יי ט י ק יי ט – די, בא. אייגנשאפט אדער

מצב פון זיין היינטצייטיק.

1932 " די אקאדעמישקייט פון דער לערע די איזאלירטקייט

1714 פון דער |...| ווירקלעכקייט |...| האבן אריינגעטראגן

אין דער ארבעט פון די סטודיעס |...| א גלייכגילטיקייט

צו יענע אקטועלע פראבלעמס |...| וועלכע עס האט געשטעלט

די היינטצייטיקייט".

פער 188, נ׳ 10 – 11.

1967 " וועלטפירער אדער פירערלעך |...| פון גרויסע און

1647 קליינע פעלקער האבן נאך קיין מאל נישט געהאט אזא

גוטע צייט, ווי אונדזער היינצייטיקייט, ווען די וועלט

נייעס איגנארירט קיינעם נישט".

י. גלאטשטיין, פער 69, !!!/24.

410 ה-

(?נ?) ה יִ נ ט צ יִ ט ל ע ך - אדי/אדוו. (שנש) דזוו הייִנטצייטיק.

1959 " דאס האט די וועלט הייִנטצייטלעך אנגעטאן איר

1709 יידנגאט.// עס טראגט זעקס אויפשריפטן: ׳אומגלויבן׳,

׳היפאקריטסטווע׳ |...|".

מ. דייטש, 3, 108.

(?נ?) ה יי נ ט ש א פ ט - די, בא. דער היינט (ב׳ 2),
די איצטיקע צייט.

1954 " מיר האבן דאן געגלייבט אין פריינדשאפט,// אין שליחות
פון גאולה=דור.// ווי זויער איז דער ווייץ פון 1649
היינטשאפט".

פיינבערג, 5, 314.

ה יי נ ע - די, |=ס?|. מושב, אומארדענונג,אומריין ארט |סטוטש 38, 416|.

ה יי נ ע = מ ע ד י ן = ק ר א נ ק יי ט - (מעד)

עפידעמישער קינדער=פאראליז, אזוי גערופן לויט די נעמען
פון דייטשן דאקטאר היינע און דעם שוועדישן דאקטאר מעדין,
איצט מער באקאנט אונטערן נאמען פאליאמיעליטיס.

1927 " די קראנקייט היינע=מעדן איז צום ערשטן מאל באשריבן
1650 געווארן |...| אין 1840 דורך דעם דייטשן דאקטאר פון
שטוטגארט היינע. ערשט אין 50 יאר ארום האט א שוועדישער
דאקטאר מעדין פון סטאקהאלם אנגעוויזן, אז די דאזיקע
חולאת קומט א מאל פאר אויך עפידעמיש".

פער 151, נ' 19.

ה יי ס - אדי/אדוו.

1. וואס האט א הויכע טעמפעראטור, איז שטארק אנגעוואַרעמט.

% הייס וואסער. א הייסער קלימאט. ער טרינקט הייסע קאווע.
אין דרויסן איז הייס, דערשטיקט צו ווערן.

|אההייב א!א י"ה| " פון דעם גאנצן לייב הייס // קאפעט אראפ
1829 דער שווייס,// מע ווערט אזש קראנק פון שוויצן".
עטינגער, 3, 94.

1875 " אין שטיבל איז פארדימפן הייס,// גאר צום חלשן,
אפצוגיין מיט שווייס".
מענדעלע, 10, 152.

1911 " |...| איז ער געבליבן זיצן שטארק פארוווּנדערט
1737 מיט א נאך וואס א אפגעביסענער הייסער קארטאפליע
אין מויל".
ווייסענבערג, 2, 82.

1920 " ער שטעלט זיך שוין פאר, ווי ער קומט צו פארן א

1834/1 דורכגעפרארענער, א הונגעריקער, |...| די מאמע שטעלט

פאר אים א טעלער <u>הייס</u> געקעכטס |...|".

<u>ע. ווארשאווסקי, 1, ציט פער 23, 240.</u>

1947 " א באבערקע אפילו האט זיך אהער אויך דערשלעפט

1834/2 מיט אירע ווארעם איינגעדעקטע קוישן און גענומען לייזן

ביי דערפרויערענע יונגע=לייט: א קווערטל <u>הייסע</u> ארבעס

פאר א פוילישן גראשן!".

<u>שניאור, 10, 33.</u>

2. (<u>פיג</u>) זייער געטריי, איבערגעגעבן, צו א געוויסער

אידעע,באוועגונג אדער ער איז א מענטשן זייער פארגלייבט.

איִיפערדיק, ענטוזיאסטיש, סגקותדיק.

% <u>הייסער</u> ייד. <u>הייסער</u> חסיד. <u>הייסער</u> אנהענגער פון דער

פארטיי.

1746 1876 " |...| זיי ווייזן, אז דער שוסטער דער חסיד איז א
סך הייסער פון טויזנטער לומדים, רבנים, אנשי אמת".
לינעצקי, 2, 72.

1746/1 1911 "די אמתע קראפט אבער פון בטחון באשטייט דעריין, וואס
דאס איז ניט קיין חזקה פון הייסע מאמינם, |...| נאר
א שטיק יידישע נשמה, טיף איינגעשניטן אין דעם פאלק".
בעל=דמיון, פער 125, מאי, ז' 27.

1746/2 1941 " דאס זיינען געווען חברה ריזיקאנטן, חברה שלעגערס,
וואס האבן פיינט געהאט מלכות, פיינט געהאט חסידים,
פיינט געהאט לומדים, און אין תוך זיינען זיי געווען
הייסע יידן".
י. אפאטאשו, פער 90, נ' ? - 2, ז' 57.

1958 " ווי פרץ, דער קלאסיקער פון אונדזער שיינער

ליטעראטור, אזוי איז אויך ניגער, דער קלאסיקער פון 1740

איר קריטיק, געווען דער הייסער טרוימער פון אונדזער

אומגעאנטן ליטערארישן אויפבלי |...|".

ביקל, 1, 246.

3. (פיג) טעמפעראמענט=פול, אימפולסיוו, ליידנשאפטלעך,

אויפרעגעוודיק, צעקאכט; היציק.

1873 " אצינד ביסטו יונג, הייס ווי פייער, שפעטער א ביסל,

וועסטו זיך אפקילן, וועסטו מיך פארגעסן |...|". 1816

מענדעלע, 1, 62.

1928 " הייסע יונגען, אין די שויבן אנגעשפארט,// און אין

יעדערן פון זיי דארט זיצט א הארץ,// איי א הארץ... 1744

מיט ברויז אן אנגעלאדנס!".

קושניראוו, 2, 86.

1972 " איינע פון די <u>הייסע</u> מיידן האט אנגעהויבן טראגן
1841 יעדן טאג דאס שבתדיקע קלייד און זי איז געווארן שטילער,
רויקער".
<u>צאנין, 3, 102</u>.

4. (<u>פיג</u>) דורכגעדרונגען מיט א שטארק, אינטענסיוו געפיל.
% <u>הייסע</u> ליבע. <u>הייסע</u> געפילן. <u>הייסע</u> פריינדשאפט.
ער שיקט אים <u>הייסע</u> גרוסן. <u>הייסער</u> פארלאנג.

1875 " נאר אז יודל, ביים געזעגענען זיך,// טוט א <u>הייסן</u>
1760/1 קוש זי אין דער גיך,// האט זי ווי פון שלאף זיך אויפגעכאפט".
<u>מענדעלע, 10, 88</u>.

1900 " דער ניגון וועקט זיך ווייטער אויף און ער פאלט
שוין ארײַן אין הייסע, ברענענדיקע געשרייען |...|".
<u>פרץ, 17, 308</u>.

1936 " א געדריי. א פויק. א <u>הייסער</u> ניגון.// ביז אין

1760/2 פונקען=ריטעם פון קאנצערט - // נעמט די געגנט גלאקיק

זיך צעוויגן".

<u>סוצקעווער, 3, 20</u>.

1956 " מירן דיך האבן אויפן אויג, אויב זיין עס וועט א

1760/3 נויט, - // האט ער ביי דער געזעגעניש ארומגענומען <u>הייס</u> אים".

<u>מארקיש, 11, 346</u>.

5. (<u>פיג. וועגן רייד</u>) התלהבותדיק, ענטוזיאסטיש,

באגייסטערט; פייערדיק.

% <u>הייסער</u> שמועס. <u>הייסע</u> דיסקוסיע. די <u>הייסע</u> רייד פון מגיד.

1894 " זי האט דאמאלס געהאלטן א <u>הייסע</u> רעדע, זי האט

1820 גערעדט און פיין גערעדט".

<u>ב. גארין, 2, 27</u>.

1946 " דער |...| גייסט פון פרצעס שטייגער שרייבן האט
1741 זיך געפילט |...| אין דער קורצקייט און אפגעהאקטקייט
פון זיינע הייס=אטעמדיקע זאצן".
ניגער, 5, 177.

1971 " |...| און מיר האבן הייס אריינגעטענהט, אריינגעהוקערט".
1807 א.שטיינמאן, 1, 7.

א) פֿפֿ:

זודיק הייס, בלוט הייס - זייער הייס.

הייס: ווי פייער, ווי קוילן, ווי די זון, ווי אין תמוז,
ווי אין גיהנום, ווי אין באד(אויף דער אייבערשטער באנק) -
שטארק הייס.

ב) עפיטעטן:

הייסע פעטש (וואר: קלעפ) - זייער שטארקע,ווייטיקלעכע
פעטש/קלעפ.

1888 " מיר שטייען, קוקן, און אט באדארפן שוין פליען

1808 <u>הייסע פעטש</u> |...|".

<u>מענדעלע, 17.</u>

1910 " דו ליבער גאט!// באשיץ דיין פאלק מיט גרויס גענאד//

1789/1 פון הייסע קלעפ, פון קאלטע דירות".

<u>פרוג, 2, 93.</u>

<u>הייסע פאנטעפל</u> - <u>דזוו דפוו</u>.

1898 " נו, דארף מען אים ניט, אט דעם אפיקורס, ארייננוווארפן

1789 א פופציק <u>הייסע פאנטעפל</u> און אפשיקן צום רבין |..,|".

<u>לינעצקי, 10, 31</u>.

<u>הייס בלוט</u> - אימפולסיווקייט, אויפרעגעוודיקייט, שטארקער

טעמפעראמענט, היציקייט.

1911 " כפי דאס קאכעניש פון מיין הייס בלוט |...| איז
מעגלעך אז א רוח פון יהודה המכבי איז אריין אין מיר".
מענדעלע, 9, 41.

הייסע צרות - גרויסע צרות, אומגליקן.

הייסע טעג - א) צייט פון א סך און אנגעשרענגטער ארבעט,טעטיקייט.
ב) צייט פון קאמפן, סכנות.

1971 " פון זינט די הייסע טעג איז דאס יידישע זלאטשעוו
1796/2 געבליבן פארטיילט אויף צוויי מחנות |...|".
א. פייוולאוויטש, יזב 7, 151.

הייס פעלד - אויסטייטש זען אין ציטאטע:

1891 " א הייס פעלד רופט מען, ווען דער אונטערשטער
1796 אקער=באדן באשטייט פון זאמד".
וועבער, 1, 71 |?11|.

הייס היינטל - (אמ) הייס וווּרשטל.

הייסע טרערן - טרערן וואס קומען פון גרויס צער, ווייטיק.

1895 " אז איך פלעג מיך אויפכאפן ביי נאכט און זען ווי
דער פאטער |...| האט א שרעקלעך שווערן אטעם, פלעג איך
מיך באגיסן מיט פרומע, קינדיש הייסע טרערן".
פרץ, 17, 195.

1949 " |בשעת| דער תפילה=זכה |...| פארגיסט מען הייסע טרערן
אויף די באגאנגענע חטאים". 1827
מ. באכנער, יזב 9, 198.

הייס געווער - שיסגעווער (רעוואלווער, ביקס).

1974 " |...| מע טאר אבער נישט פארגעסן, אז די ענגלענדער
האבן הייס געווער, |...| האט עמעצער אויף דער פליטים=שיף 1812
געזאגט".
עלבערג, 2, 380.

הייסע לאקשן, קאלטע פארפל - (שגל) הייס און קאלט געווער

|בלומענטאל, פער 90, נ׳ XXI - 3|.

הייס געבאדן א) אויף א היציקן, אומגעדולדיקן מענטשן,

א בעל=כעסן.

ב) (איר)אויף עמעצן וואס האלט זיך גרויס

|ל. לעהרער, פער 90, נ׳ II-2|.

הוילע מיט הייסע - בארימעריי, פוסטע רייד.

הייס און קאלט (ווערן) - שטארק איבערלעבן עפעס.

... "ווי רחלע האט דאס דערהערט,// איז איר געווארן

הייס און קאלט". 1730

פל.

הייס און קאלט - סארט געזעלשאפטלעכע שפיל.

ג) אויף/אין דער הייסער מינוט (וואר: רעגע, מאמענט) – אין דער ווײלע, אין דעם מאמענט ווען די זאך (געשעײניש) קומט פאר (אויסדרוק פון אומגעריכטקייט, פלוצעמדיקייט).

1888 " הערשעלע בלײבט אין דער הייסער מינוט שטיין ווי אויסגעפּאטשט, |...| גישט צו וויסן וווּ ער איז און וואס מיט אים טוט זיך".

מענדעלע, 3, 74.

אויף די הייסע צײנער – דזוו דפוו

|סטוטש 74|.

כאפּן עמעצן אויף דער הייסער מינוט – דזוו כאפּן ביי דער האנט. געמיינט טרעפן עמעצן אין דעם מאמענט ווען ער טוט עפּעס, וואס איז ניט אנגענומען.צו טאן, לפחות בפרהסיה.

1947 " |...| מיט א כוונה צו שטערן זיי <u>אין דער הייסטער מינוט</u>!"

1810 <u>שניאור, 10, 146</u>.

1971 " איך האב |...| געכאפט מיין מאן <u>אויף דער הייסטער מינוט</u> ←

1811 מיט אן אנדערןיונגער און שיינער פרוי".

<u>פער 69, 31/VIII</u>.

<u>ס'ווערט הייס</u> – געזאגט ווי א ווארענונג בשעת א סכנה קומט אן.

% חברה, לאמיר זיך אפטראגן, <u>ס'ווערט הייס</u>, ס'האלט דא
ביי א געשלעג.

<u>ס'איז אים געווארן הייס אונטערן קאלנער</u> – "געזאגט אויף
עמעצן וואס מ'האט אים גוט אפגעזידלט" |<u>קסטו</u>|.

<u>זיצן/שטיין ווי אויף הייסע קוילן</u> – זיין שטארק אומגעדולדיק,
אײלן זיך אוועקצוגיין און ניט קאנען.

1929 " דאס האט אפגעדויערט שיינע עטלעכע מינוט. דער ייד

האט זיך שוין ניט געקאנט איינהאלטן, ער איז געשטאנען 1808

ווי אויף הייסע קוילן ".

בערגמאן, 2, 127.

כאפן ווי הייסע לאקשן (וואר: פארפל) -

1. טאן עפעס אומנייטיק גיך (באזונדערש וועגן רעדן אדער לייענען,

% וואס כאפסטו ווי הייסע לאקשן - מע פארשטייט דאך ניט

וואס דו לייענסט".

2. נעמען/אויפנעמען, קויפן עפעס זייער גערן, מיט גרויס חשק.

1867 " אבי עמעץ גיט ארויס א ביכל, ווּ ער שפעט אויס

אונדזערע פרומע, |...| כאפן זיי עס אויף ווי הייסע לאקשן". 1782

פער 177, ב׳ 9, ז׳ 69.

אנכאפן זיך אין עפעס (צוכאפן זיך, צופאלן צו עפעס) ווי צו הייסע לאקשן (וואר: פארפל ) – דזוו דפוו, ב' 2.

1889 " אז איך האב דערהערט אזא געשעפט, האב איך זיך דאך אנגעכאפט, ווי מען זאגט, ווי אין הייסע פערפל". 1745

פוטערמאן, 1, 6.

1971 " די לעזער זייערע וואלטן זיך צוגעכאפט דערצו ווי צו הייסע לאקשן". 2002

באשעוויס, פער 155, !!V/23.

איז דיר הייס, קריך אין שווייס, איז דיר קאלט, קריק אין וואלד – שפאסיק צו עמעצן וואס פאלט אריין פון איין שווערקייט אין דער אנדערער.

שור:

שמיד (קלאפ) דאס אייזן כל=זמן ס'איז הייס.

אז מע בריט זיך אפ אויף הייסן, בלאזט מען אויף קאלטן.

וואס איך ניט ווייס, מאכט מיך ניט הייס.

אז מע שלאגט דעם קאלטן שטיין, פליט ארויס א הייסער פונק.

הייס/הייש.ם

1. ----->

1626 " אונ' עש איז קיין פר ברגונג פר דער זון אזו

1849/1 גאר הייס איז זיא |...|".

ס' המגיד, 1, תהילים, יט - ז.

1723 " איבר איין גינצאלצן הערונג טאר מן אך קיין הייס

1849/2 וואשר גיסן".

לב טוב, 2, דף 74.

430 ה-

.4 ←----

1544 " |...| זיא וואלט ניט עשן נוך טרינקן זיא וויינט

1822 אלזוא היש".

שמואל=בוך, סטר' 18.

ה יי ס = א ש = ק י ר ב ע ס - דער, =ן. בנב.

|1966/1950| " ודלעת המצרים והמוצה, און עגיפטישער

1856 קירבעס (דיניע) און הייס=אש=קירבעס |...|".

איבז פיעטרושקא, 1, כלאים, א, ב.

רעד: ניט געפינען אין הברעיש דאס ווארט "מוצה"...

ה י י ס ב ל ו ט י ק - אדי/אדור׳. טעמפעראמענטפול, היציק, ליידנשאפטלעך; ססנגווייניש.

1899 " שלמהלע איז בטבע געווען א הייסבלוטיקער, איך אים איז געלעגן פארבארגן א פאעטישער פונק |...|". 1858

מענדעלע, 8ב, 64.

רעד: געפינען נאך ציטאטן!

ה י י ס ג ע ג י ל ט - אדי. בנב.

1895 מע האט אנגעשטעלט אויפן טיש |...| צוועלף

1786 הייסגעגילטעבעכער, צוויי זילבערנע הייסגעגילטע

וואזעס |...|".

לינעצקי, 9, 126.

ה י י ס ה ו נ ג ע ר - דער, בא.

1. שטאארקער חשק צו עסן, גרויס אפעטיט.

... " די ארעמע בחור ם פלעגן זיך מיט א הייסהונגער

1861 ווארפן, ווי די בינען אויף האניק |...|".

מענדעלע, 24א, 69.

2. (פיג) שטארקער באגער, לעכצונג צו עפעס.

1877 " ער האט מיך געלערנט |...| און איך האב עס אויפגעפאסט

1862 מיט א הייסהונגער".

דיק, 84, 38.

435 ה־

הייסהונגעריק – אדי/אדוו. מיט הייסהונגער, ב' 2.

1881 " און אהרן האט זיך הייסהונגעריק געוואָרפן אויף

1863 דעם לערנען".

יה"ל, 1, 10.

ה יי ס וו י נ ט - =ן. סטעפּישער אָדער מדברדיקער הייסער ווינט.

ה יי ס ט ו י ג - דער, =ן. א גרויסע קופע היי, צונויפֿגעלייט
אויז א באזונדערן אופן (ס׳רוב ווי א פּיראַמידע
מיט א פּארקיילעכיקטן שפּיץ) נאָכן אפּשניידן און
אויסטריקענען דאס היי.

1968 " דריי חדשים האבן מיר זיך אויסבאהאַלטן אין א
52 הייסטויג |...| נאך דעם |...| האט דער פּויער אונדז
ארויסגעטריבן".

ר. גאנטארסקי, יזב 2, 902.

1973 " די פּויערים |...| פלעגן באהאלטן די תבואה
51 און קארטאפל אין סטאדאלע אונטערן שטרוי אדער אין
הייסטויג אין פעלד".

פרייבערג, 1, 150.

ה יי ס י ע נ י ק – דער, =עס. א סעניק געפֿילט מיט היי; הייזאַק.

1908 " די בעטגעוואַנט דאַרף באַשטיין פֿון א שטרוי=אָדער הייסיענֿיק, איבער אים א מאטראץ פון ים=גראז |...|".

גאטליעב, 2, 39.

ה יי ס ן - אוטוו.

1. באפעלן, (פאר) ארדענען, (אנ)זאגן עמעצן (דאטיוו) עפעס צו טאן.

% דער לערער הייסט די קינדער, זיי זאלן זיך אויסשטעלן אין א ריי. די קינדער פאלגן וואס מע הייסט זיי טאן. די דייטשן האבן געהייסן די יידן פארלאזן די שטאט. דער רבי האט געהייסן פריילעך זיין (פל). דער בעל=הבית האט געהייסן דעם קוטשער א ינשפאנען די פערד.

|1819| " |...| וועט דער רבי זאל לעבין הייסין אים דיא
1914 תפילין איבערזעהן אונ' זייא וועלין אודאי פסולדיק זיין".
יוסף פערל, 1, 129.

1873 " |...| מען זאל הייסן בעסער טאן אלטע, באבסקע מיטל,
1974 פארן צו א שפרעכער, צו א ציגיינער |...|".
מענדעלע, 1, 111.

1900 " אז ר׳ דודל |טאלנער| הייסט, זינגט מען!".

<u>פרץ, 17, 319.</u> 1974/1

1934 " |...| זיי הייסן דיר גריזשען ברויט פארעלטערטס// ביי א מולטער מיט בולקעס פרישע".

<u>מ.ל. האלפערן, 4, 233.</u>

1949 " |...| דאן האט ער |דער דייטש| אונדז |...| געהייסן אויסציען זיך אויף דער ערד מיטן פנים אראפ. אין 1988 דעם מאמענט האבן מיר אנגעהויבן שרייען ׳שמע=ישראל׳".

<u>מ. באכנער, יזב 9, 235.</u>

2. רופן זיך, אנרופן זיך, האבן א נאמען (צונאמען, באצייכענונג, טערמין).

% ער הייסט הערשל, און זי - ביילע. דאס שטעטל הייסט כתרילעווקע. די וואנדערנדיקע זינגער=פאעטן פון מיטל=עלטער האבן געהייסן טרובאדורן, מינעזינגער.

1839 "עס איז געווען איינער האט ער געהייסן ר׳ ישראל, //

1973/1 ער איז געווען א גאנץ ארעמע בעטלער, און ער -

א בעל=רחמים, א פרייגעביקער, א בעל=צדקה |...|".

מענדעלע, 1, 24.

... " מיר האבן אונדזער א יגנס א רב, הייסט ער רב יוזיפל".

שלום=עליכם, 7א, 216.

1929 " יעדער קערפער פארבלייבט אין זיין צושטאנד פון רו

1973/2 אדער |...| גלייכמעסיקער באוועגונג, כל=זמן א וועלכע

ס׳איז סיבה ענדערט נישט דעם האזיקן צושטאנד. די דאזיקע

אייגנשאפט פון קערפערס הייסט אינערציע".

זאבלודאווסקי, 1, 46.

1975 " |...| א גוי, שטשובאק האט ער געהייסן, איז

(קאנק) געווארן ביי איר דער אויפזעער פון דער מיל |...|".

באשעוויס, 6, 131.

3. (עלט) אנרופן, געבן א נאמען.

% ער האט געקריגן א זעץ אין דעם ׳ווי הייסט מען עס?,
דעם הינטן. דער פארשוין איז א גרויסער ווי הייסט מען עס!

1872 " |...| מען זאל דיך ניט הייסן אברם נייערט אברהם".

1944 צאינה=וראינה, 3, בראשית, לך - לך, יז - ה.

4. באטייטן, מיינען.

% זיין ערלעך הייסט ניט אפ נארן, ניט באעוולהן קיינעם.
זיין א פרומער ייד האט געהייסן אפהיטן אלע תרי"ג
מיצוות.

1878 " ארויסצוגיין א ביסל ווייט פון דער שטאט האט
1990 ביי זיי |די טונעיאדעוועקער יידן| געהייסן פשוט זיך
איינשטעלן דאס לעבן".
מענדעלע, 16, 14.

1929 " וואס ווייסט איר, יונגע איסקראווקע, וואס <u>הייסט</u>
1965 פיינט האבן גלות |...|?".

<u>יאפע, 1, 51.</u>

1948 " דו ווייסט וואס <u>הייסט</u> געשאכטענע מיליאנען?...//
1965/1 מען קאן עס דען ארויסריידן פון מויל?".

<u>סעגאלאוויטש, 9, 137.</u>

5. דער זעלבער באטייט וואס פריער, געניצט אפט אין באמערקווערטער (הייסט עס, דאס הייסט) און אין פרעגווערטער (וואס הייסט? ווי הייסט?).

א) <u>הייסט עס/דאס:</u>

1890 " |...| בדרך משל, ווען א גרויסער דאקטער זאגט
1998/1 איינעם, ער זאל זיך היטן מיטן עסן |...| און ער פאלגט
און בלייבט ביי זיין געזונט, <u>הייסט דאס</u>, ער הארכט פון אנפאנג".

<u>דובנער מגיד, 1, 6.</u>

1907 " |...| זי, ברכה הייסט עס, האט זיך אנגעטשעפעט, אז
1998 דאס האב איך אויסגעמאלט איר פוס".

שלום-עליכם, 8א, 235.

1965 " |...| הייסן הייסט עס, אז דער באס וויל נישט אריינפאלן
1996 אין מיטן דער נאכט אין א חושכדיקער שטוב".

שניאור, פער 69, 3/X.

ב) דאס הייסט:

1873 " |...| מיין פערטער געבאט איז 'יד-אחת'! דאס הייסט,
1996/1 בלאט צו שליסן תמיד מיט דעם שטארקן".

מענדעלע, 1, 110.

1938 " |...| ער האט ניט געהאט דעם זין פון געשטאלטונג,
1996/2 דעם דראנג צו פארעם, דאס הייסט - ער איז ניט געווען שעפעריש.

קארלניק, 1, 55.

ג) וואס הייסט?

1873 " וואס מאכסטו, ישראליק? - האט מיך די מאמע געפרעגט ..

1996/3 |...| - וואס הייסט, וואס מאך איך? איך פיל מיך

געזונט אזוי ווי תמיד".

מענדעלע, 1, 28.

1903 " רב יוזיפל |...| פארשטייט נישט דעם שכל וואס

1996/4 דא שטעקט? וואס הייסט - זי האט זיך דאך געקלובן

שטארבן? |...|".

שלום=עליכם, 24, 37.

1929 " וואס הייסט - אפלאזן? ביסט דאך א געשיקטער אהער

1996/5 פון דער פארטיי |...|".

טייטש, 3, 37.

ד) ווי הייסט?

1893 " שולדיק בין איך נאך - חתונה הוצאות - ווי הייסט? - פרעגט זי פארוווּנדערט. ער שמייכלט. - דו מייגסט טאקע, ער האט געקאנט מער ווי צוזאגן?".

פרץ, 17, 16.

17 גוט וואס גוט הייסט! - זייער גוט.

אז גאט וועט הייסן - דזוו אם ירצה השם.

טאן וואס גאט הייסט און ווי גוטע פרומע לייט הייסן - אויפפירן זיך לייטיש און פרום.

דאס האט גאט אליין ניט געהייסן - דאס טאר מען בפירוש ניט טאן.

הייסן זיך באצאלן (אנמעסטן) - ער באט, ער פאדערט (א פרייז). ~~1893~~

% דער קרעמער הייסט זיך באצאלן א היפשן מקח.

1901 " וויפל וועט איר זיך הייסן |...| אנמעסטן |...| פאר

1993 דער ארבעט, ר' ישראל?".

שלום=עליכם, 20, 76.

א חידוש - איך הייס נאכן זיידן און איך האב אים ניט געקענט - שפאסיק צו איינעם וואס וווינדערט זיך איבער א זאך וואס איז קיין וווּנדער נישט.

שור:

אומגעקערט הייסט אויך געפארן. פארשפּילן אין אקע הייסט נאך ניט געבן צדקה.

(?ב?) קללה:

א קליין קינד זאל נאך אים הייסן!

ם **<u>היישן/הייסן.</u>** מה"ד:

1. <------

1541 " נים מיין זון אונ׳ לוש אין דיין ווייב זייגן //
אונ <u>הייש</u> אים אויז וואַרטן מיט מיט אלן דינגן.// און 1915
ווען ער וויינט זא <u>הייש</u> אים זינגן".
<u>בבא=בוך, סטר׳ 9.</u>

1676 " דא <u>האַט</u> ער <u>געהיישן</u> זייני קנעכט מן זול דען
גשט אב מעשן אויף אזו פיל געלט אז ער הוט |...|". 1915/1
<u>ברנט שפיגל, פרק מ"ב.</u>

1743 " |...| ווען דר מלך רייט צום ערשטן אונ׳ <u>היישט</u>
זיין חייל הינטן נאך צו הילף קומן |...|". 1915/2
<u>קב הישר, 2, דף ל"ג.</u>

-----> .2

1544 " איין ואלק דש היישט עמלק דש טעט ישראל לייד//
1915/3 מיט רויבן אונ׳ מיט ברענן אונ אליא ווידר צייט".
שמואל בוך, סטר 246.

1626 " איינר האט גהייסן רחום דער איז גיוועזן |...|
1915/4 איין בעל דברים, ער האט אלי ריד גידאכט |...|".
ס׳ מהגיד, 1, עזרא, ד - ח.

1744 " איין שאטין פון א ין בלאט דז דא היישט (קיקיון)
1915/5 דאש זיכשטו אן גלייך אז איין הוכן גיהויפטן בערג".
בחינת עולם, דף ט.

-----> .3

1533 " |...| איך האב איין זון גיהאט - במ"ט אונ׳ האב אין
1904 גיהיישן נוך מען עטן |?| עליו השלום".
פריוואטע יידישע בריוו |ציט ווארשטיין =בוך, ווילנע, 1933|.

1676 " יהושפט מלך יהודא ווען ער הוט גיזעהן איין תלמיד
1985 חכם דא איז אויף גישנדן פון שטול אונ׳ |...| <u>הוט</u>
איין <u>גיהיישן</u> רבי אונ׳ הער".
<u>ברנט שפיגל, פרק כ"ט</u>.

1743 " איש אין מאן איין יהודי איז גקומן פון וויטן לנד
1955 אויש דש לאנד הודו דז מיר <u>היישן</u> אינדיא".
<u>שארית ישראל, דף קי"ב</u>.

.4 ←-----

1544 " ווארום וואלט דער קוינינג זיין אייגן קינד
1983 בורטרייבן.// עש <u>היישט</u> איין קלייניא ווייל דש וויר
אל היא הון צו בלייבן".
<u>שמואל=בוך, סטר׳ 1398</u>.

1626 " אוצר |...| אוצר (שליש) <u>הייסט</u> איין כלי דז מן דרויז טרינקט!!
1983/1 <u>ס׳ המגיד, 1, תהילים, פ - ו</u>.

1732 " דוא מאגשט מסרב זיין דאש <u>היישט</u> דער

1983/2 ווידר זיין קעגין א ין קליינן".

<u>עיון יצחק, דף 57.</u>

|| <u>היישונג/הייסונג</u> - <u>די.</u> באפעל, געבאט, אנזאג.

1610 " אונ' עש זאגט דער קיניג צו אסתר |...| וואז אישט

2009 דיין <u>היישונג</u> אונ' עש זול ווערדן גיגעבן".

<u>טייטש=חומש, אסתר, ה - ו'.</u>

1718 " דער האט איין <u>הייסונג</u> גטאן אן מיינן פאטר אום מיך

צו גמאלין האבן".

<u>מראות הצובאות.</u>

ה יי ס ע ר ה יי ט – אדוו. אין מצב פון זיין הייס,
אין דער צייט ווען ס׳איז (די זאך) הייס.

% ער האט ליב צו טרינקען טיי הייסערהייט. די פאדקאווע
איז גוט אויסצושמידן הייסערהייט.

1931 " ער פורעמט הייסערהייט שטאלענע געקייקלטע געשרייען //
אוך טיפע בענקשאפט טרעט ארויס דורך בלאוון גלאנץ 1786/1
פון שטאל |...|".
האפשטיין, 4, (ליד "מיין גאב").

רעד: כ׳גיב אויך דעם נאמען פון ליד, ווייל די
ביבליאגראפיע אין קארטל איז ניט עקזאקט: ס׳איז
אנגעגעבן "געקליבענע שריפטן" – כ׳האב ניט געפונען
אין לעקסיקאן אזא מין אויסגאבע, ס׳איז יא דא
"געקליבענע לידער, כארקאוו, 1941.קיין אנדערע
ציטאטן ניטא.

1951 " עס פלעגט טרעפן, מען פלעגט פארקוקן א בחור,

1751 פלעגט דער חפץ=חיים אליין ברענגען א טעפעלע (טאקע הייסערהייט)

אונטער דער פאלע".

א. ריוווקעס, פער 106, 657.

ם
היישר הייד.

1711 " [...] דרום ווייל זיא האבין פר גאסין זיער זרע

1752 אז וואשיר היישר הייד אזו האט זיא הקב"ה גיצאלט מיט

היישי וואשיר דז דיא הויט איז פון זיא אראב גיקראכין".

נחלת צבי, דף טז.

ה יי ס ק ו ל - די, =ן. (אמ) מיטלשול אין אמעריקע.

1930 " אין עטלעכע יאר ארום |...| וועלן זיי זיך זיכער

2018/1 אריבערקלויבן אין צווייטן געטא, |...| די קינדער

וועלן גיין אין הייסקול".

1963 " דעם קורס פון הייסקול האט זי דורכגעמאכט |...|".

2018 לייוויק, 14, 66.

הייסקייט - די, בא. אייגנקייט אדער מצב פון זיין הייס.

1958 " |...| די הייסקייט איז ביי אונדזערע דיכטער דאך

1854 אן אנגעווייטע, א פרעמדע".

ניגער, 8, 51.

1962 " |...| מען וועט אויפנעמען דאס בוך מיט ווארעמקייט,

1855 אויב נישט מיט דער זעלביקער הייסקייט, וואס ביאלאסטאצקי

אטעמט אן אויף דעם ווערק".

י. גלאטשטיין, פער 69, 28/ I.

ה יי ס ק ע פ י ק – אדי. וועגן א מענטשן וואס היצט זיך שטארק (אין א וויכוח, מחלוקת), ווערט גרינג אין כעס.

ה יי ע ל ע - דאס. =ך. (פקפ) איין פארטריקנט גרעזעל (פון היי).

|1926 - 1931| "הייעלעך זענען פארקראכן אין די שטיוול, אין די ארבל, אין קארק אריין, די הייעלעך האבן געקיצלט|..."

31

אפאטאשו, 9, 218.

ה יי ע ן - אוטוו. זוימען זיך, פארהאלטן זיך ערגעץ לאנג.
פארנעמען יענעמס צייט אומזיסט.

% גייט גיכער, הייעט ניט! הייע ניט,מאך דאס בקיצור!
ער האט דארט געהייערט א לאנגע ווײַלע.

|אההייב X!X י"ה| " און דעם חתן צו בעפרייען,// און דעם
עולם נישט מער צו הייען, // שטעלט מען טאקע דעם טרונק
דעם גרויסן - // דאס איבעריקע מעג מענזיך שוין שטויסן".
עטינגער, 3, 19.

1873 " הייע נישט, הייע נישט, ישראליק! - האט דער אשמדאי
א זאג געטאן - גיכער טו, וואס מע הייסט דיר, גיכער, 2042
די צייט איז טייער".
מענדעלע, 1, 115.

1941 " ווי לאנג וועט ער נאך דא, אין בלינדער תפיסה, הייען?",
פיינבערג, 3, 50. 2042/1

1953 " ׳מען טאר ניט הייען, גאוורילא=סערצע, - האט יונה

2024 א זאג געטאן פארזארגט".

ברוסילאוו, 1, 18.

|| הייען זיך - דזוו הייען.

1839 " וואס זאל איך מען מיט דיר דא האיען, -/+

2024/1 זאגט ליבל מיט אגילעכטער צי ר׳ שמעיהן |...|".

פישלזאהן, 1, 37.

1938 " וואס האסטו זיך געהייעט? די וואסער-מלכה

2047 אויסגעביטן,// אויף מילנערס טעכטערל פארביטן!".

איבז ד. האפשטיין, 2, 23.

1948 " איז וואס ½ מע לאנט זיך ווייטער צי מע בלייבט

2034 שוין דא? - // האט מאנציס ניט געקאנט קיין אויגנבליק

זיך הייען".

מארקיש, 9, 61.

ד <u>הייען די צייט</u> - פטרן אומזיסט צייט.

1963 " מע טאר איצט <u>ניט הייען קיין צייט</u>, ווייל עס קאנען

א נאס טאן די פרעסט". 2027

<u>מ. קאבריאנסקי, פער 131, נ' 1, ז' 33.</u>

1965 " נו, גענוג, ניטא וואס צו <u>הייען די צייט</u>... זעצט

זיך אויף די וועגענער, לאמיר פארן!".

<u>נאטע לוריע</u>,

<u>הייען אין</u> |ערגעץ| - זיין לאנג, צו פיל אין א געוויסן ארט.

|<u>סטוטש 111</u>|.

פארנעמען אומזיסט אן ארט =

(?ב?) ם |הייערן| ה יי א ר ן - דינגען, (איין ארענדע, א ווייבונג פֿאַר ד״ג״ל.

מה"ד:

1743 " אונ' זיא האבן גהייארט איין וואלד דש דא נאהנט

2053 בייא איז, אום דיא קאשט צו געווינן מיט האלץ האקין".

שארית ישראל, דף ה |פ̄?|.

ה יי ע ר - דער, =ס. " א פינפערל (פינף פוילישע גראשן,

2050 פון ה' =פינף".

|י. טריוואקס, בעל=עגלה=לשון, פער 33, 172|.

ה יִ י ע ר - -----< היִיאר.

ה יי ע ר - אדוו. דזוו היי=יאר, היינטיקס יאר.

% הייער איז געווען א סך רעגן.

|| הייעריק - אדי פון היינטיקן יאר |סטוטש 76|.

% דאס הייעריקע גערעטעניש איז געווען שוואך.

... " האבן מיר דערלעבט דאס הייעריקע יאר,// זענען

מיר ווידער געקומען". 2052

פל.

רעד: קאן זיין, אז ביים ארויסרייגן איז פארשוווונדן
געווארן דער אנהייב=קאנסאנאנט פון "יאר"?
(היי=יעריק).

ה יי ע ר ן - -----> הויערן !!.

ה יי ף - די. מצ (דיאל) פון הויף.

1871 " אין אלע גאסן און אין אלע הייף// עס איז געווען

2081 איין איבערגעלייף |געלויף|".

רוף, 2, 12.

1937 " |...| באלד שטייגט ער איין אין געלן בריטשקעלע און

2082 פארט אפ אין די פריצישע הייף".

בורשטין,2א, 30.

1958 " אין די רבישע הייף פון ביאלע און סאכאטשעוו

2084 האבן שדכנים און שיינע יידן אפגעהאקט די שווערן

און געברענגט שידוכים".

י. טרונק, פער 68, V/17.

1972 " ער האט געפלאנט אדורכצומאכן דעם וועג דורך די

2090 הינטער הייף |...|".

ראזענפארב, 2, 248.

(?נ?) ה יי פ ט – דער. קאפ.

1541 " טיריץ קלייד אין בוך הייבט ביש צו בושן |...|".

2056 בבא=בוך, סטר׳ 528.

1696 " |...| אונ׳ זייא איין שוואנץ צו דען ליבן אונ׳

2057 ניט איין הייפט צו דען פוקשן |...|".

|סידור| תפלה למשה, דף קכ"ד.

1774 " גאר פיל גוטי זעליגי יאר // די זעלין איין ווערין

2055 וואר // אויף אייער הייפט און האר //, ביז איבער

הונדערט יאר".

חנוך לנער, דף ו׳.

(?נ?) ם היי פ ט  ה ע ר ן  -  מצ. די עלטסטע (פון פאלק).

1737 " ויתן אותם ראשים על העם - הייבט הערן".

2058/1 מלמד שיח, שמות י"ח, דף 44.

ה יי פ ט ל – <u>דאס, =ער.</u>

1. איין געוויקל (קעפל, פון קרויט).

% קויפן עטלעכע <u>הייפטלער</u> קרויט. מ׳האט צעשניטן א הייפטל קרויט צום בארשט.

1843 " איין יהודי איז געגנגן איין פונט פלייש |...|

2064 קויפן אדר א <u>הייפטל</u> קרוט".

<u>אהרן מטריבוש, 1, דף י"ז.</u>

1919 " מען האט קודם כל וועגן אזעלכע ׳יידישע׳ זאכן,

2064/1 ווי מיסט פאר די פעלדער, בוריקעס, טאבאק און <u>הייפטלער</u> קרויט."

|1931–1926| " די <u>הייפטלער</u> קרויט, די מייערן |...| האבן

2064/2 זיך געוואלגערט צווישן די בייטן".

<u>אפאטאשו, 9, 105.</u>

1972 " |...| גענומען צעשאטקעווען דאס הייפטל קרויט
2071 איבער די ברייטע איינשניטן פון ריבאייזן".

דעמבלין, פער 155, IV/9.

2. א געוויקל (קעפל), א באהעפט פון ציינדלעך קנאבל.

טייל מאל גענוצט אויך פאר א ציינדל קנאבל, א טייל פון הייפטל.

% זי האט אפגעשיילט עטלעכע ציינדלעך פון א הייפטל קנאבל.

1888 " אויף דעם טיש ליגט א פלאטשיק טונקל ברויט,
2063 |...| צוויי הייפטלעך קנאבל |...|".

בן=עמי, 1, 191.

1960 " |...| אריינגעבראקט אין דער פליאשקע |בראנפן|
2070 א גרויס הייפטל קנאבל |...|".

טיגער, 1.

3. (עלט) א קעפל (פון הארטן צוקער אין פארעם פון א קאנוס).

% מ'האט געקויפט בוימל, זאלץ, א הייפטל הארטן צוקער.

/7 הייפטל קרויט - נארישער קאפ, שפאסיק וועגן א נאר, א תם.

... "הייפטל קרויט!! - שרייט אויס מרדכי=נתן |...|
2069 אויף אזא קול, אז דאס ווייב איז שיער ניט געפאלן חלושות".
שלום=עליכם, 7א, 183.

1968 "שוויייג, עלזע! פריי זיך בעסער מיט דיין ווייבעריש
2068 הארץ, וואס אן אנדער פויערטע האט א קאפ דארט, ווו
ביי דיר איז נאר א הייפטל קרויט".
לעיעלעס, 6, 393.

א בעל=הביתטע איבער א הייפטל קרויט - ביטולדיק וועגן אן
ארעמער פרוי, וואס האלט זיך נאך גרויס.

(?נ?) ‏ם‏הייפט ל יי ט - <u>די, מצ פון הויפטמאן.</u>

1602 " ויוחנן בן קרח אונ' אלי <u>הייבט לייט</u> די זיךאויף

דעם פעלד אנטהאלטן האטן קאמן צו גדליה קיין מצפה". 2058

<u>ס' ירמיה, מ - ג.</u>

הייפּיבער – דער, בא. אלערגיע=קראַנקהייט פון די אָטעמוועגן, אַרויסגערופֿן דורך דעם בליטנשטויב פֿון פֿאַרשיידענע גראָזן און בלומען.

1950 " צו דער |...| גרופּע פֿון אלערגישע קראַנקייטן

54 געהערט דער אַזוי גערופֿענער 'הייפֿיבער' אדער סעזאָן=קאַטאַר".

פער 152, נ' 6 – 8.

ה יי פֿ י ב ע ר נ י ק – דער, =ס. א מענטש וואָס ליידט כראָניש אויף הייפֿיבער.

................................................................

רעד: דאס קארטל פאררופט זיך אויף לייוויקס א בריוו פון 1947 געדרוקט ערגעץ?

................................................................

475 ה-

ה יי=פֿ ל אַ ט ע ר ל - דאס, =ער. (זאאַל) זגאַל פֿלאַטערל, גענויער בנב |סטוטש 247|.

ה יי פּ י ש – אדי. פון הויף/הויפן, שייכדיק צו הויף.

1973 " די קצבים פון די הייפישע יאטקעס זענען פארפליכטעט

2097 פארקויפן דאס פלייש און דערפאר צאלן א שטייער |...|".

יזב 18, 59.

הייפיש און גרעפיש – זייער רייך, פריציש, גרויסארטיק.

הײַפֿיש - דער, מצ דז. גרויסער ים=פֿיש, אײנער פֿון אן אפטײל מיטן זעלבן נאמען (רוסנ ענגליש- ), רוטיש-

1856 " דער האיפֿיש |...| ער גינערט זיך אין ים פֿון גרויסע פֿישן און פֿון ים=הינט |...|". 2093/1

דיק, 2, 11.

1924 " דער בלויער הײַפֿיש |...| געפֿינט זיך אין די װאַרעמע און אין די מיטלמעסיקע ימים.|...| דער הײַפֿיש איז א געפֿערלעכער רויבפֿיש |...|". 2092

איבז איסעל, 1, 126.

1947 " פֿון די תהומען שיסט מיט לאווע א װוּלקאַן.// איבער מיר א שפּרינגעניש פֿון הײַפֿישן מיט פֿליפֿישן". 2095

סוצקעווער, 3, 605.

ה יי פ ל - דאס, =עך.

1. פּקפּ פון הויף.

2. פּקפּ:הייפּעלע.

1909 " |...| דעמאלט האט ער זיך פון עולם אפגעגנבעט און

2117 אוועק צו זיך אויפן הייפל".

ווייסענבערג, 3, |באנד?|, ז׳ 114.

1962 " דארט אין מיין געסעלע פאראן איז א קליין הייפעלע,

2114 א הייפעלע מיט גאניקעס ארומגעוואקסענע".

גראדע, 5, 126.

1970 " שטיל האט זיך אויסגעליידיקט דאס הייפל|...|

2104 און עס האבן זיך פארמאכט די ארומיקע קרעמעמלעך".

ה. יאכימעק, יזב 7, 158.

ה יִ פּ ל - דאס, =ען.

1. א קליין ביסל, א גרופּקע. א קליינע זאמלונג. א קליינ-ביסל,
א גרופּקע. א קליינע זאמלונג. א קליין בינטל.

% א הייפל קערנער. א הייפל בחורים.

1902 " ווי שוואך עס איז דאן געווען די רעגירונג,
2099/1 קען מען זען פון דעם, וואס א הייפל מענטשן, וועלכע
האבן זיך גרופּירט אין די פּארטיי 'נאראדנאיא וואליא',
האבן געקענט ארויפיאגן אזא שרעק |...| אויף די רעגירונג".
פּער 8, נ' 13, ז' 77.

1948 " פאראן פאראן א הייפל גוטע לייט אין פּוילן,// ווי
2108 אומעטום אין אונדזער שלעכטער צייט".
סעגאלאוויטש, 12, 25.

(?נ?) ה יי פֿ ל ע ן - טרוו. (עלט) שיטן (איך) הויפנס.

1885 " די אלטע כהנים פון זיין שבט האבן אים געפירט

2133 צו לייגען דאס הייפֿלען פון דעם געווירץ פון די קטורת

וואס ער האט באדארפט מקטיר זיין".

איבז אנ, מחזור, 4, 231.

ה יי פ̄ ן – טרוו. (עלט? דיאל, ליטע?) אההויפן, אנזאמלען א הויפן איף א הויפן.

1864 " איך האב צוזאמענגעבראכט זייער פיל שטיינער, |...| האב צוגעשאטן דערצו זאמד, און האב אזוי געהייפט איינער איבער די אנדערע |...| און געמאכט א פעסטן בארג |...|, דיק,"

482 ה-

הײפּנדל - דאס, =ען, פּפּ הויפנדל. פּקפּ (זן) פון הויפן.

א קלײן ביסל, א קלײנע זאמלונג.

1946-1943 " מאך דאס לעבן מײנס מילגרוימיק פול,// איך

זאל גארנישט באדארפן מער האבן.// און פארקײלעך מײן

דרײצענדליג=יארענעם שפרײז// מיט א־הײפּנדל טעג אין

דײן אטעם געפאנגען".

סוצקעווער, 3, 428.

(?נ?) ם הייפן זיך – אוטוו. אנזאמלען זיך, מער ווערן, אנוואקסן, מה"ד:

1713 " |...| און מיט דעם ווינד דייני נאזלעכער האבן זיך

2134 געהייפט דיא וואשר".

מחזור, 1, דף קצ"א.

ה יי פֿ ע ל ד - דאס, =ער. דזוו הײלאנקע.

ה<u>יי</u> פּ ע ל ע <u>!</u> ־ <u>דאס, =ך.</u>

<u>!!</u> <u>פּקפּ פון הויפּן</u>. א קליין ביסעלע, קלייניינקע גרופּקע.

% א <u>הייפּעלע</u> טאבאק, א <u>הייפּעלע</u> קינדער.

|1931-1926| " א <u>הייפעלע</u> יונגע=לייט מיט מיידלעך האבן

2119 געקניט אויפן שניי און געזונגען ".

<u>אפּאטאשו, 10, 282.</u>

1939 " פונעם דעק פון אזא געווינקלטער פושקעלע טרייסלט

2119/1 מען ארויס א קליין <u>הייפעלע</u> מאן".

<u>שניאור, 6, 234.</u>

1951 " צווישן זיין |מיין טאטנס| וועלט און מיינער איז

2126 ניטא קיין שום פארבינדונג, אחוץ דעם קליינען <u>הייפעלע</u>

ערד, דאס בערגעלע אויף דעם אלטן ביאליסטאקער בית=עולם".

<u>א. דימאוו, פער 106, 1183.</u>

486 ה-

(??נ) הייפּעלע Ⅲ |HAEFELA - דאס. (דיאל, מערב=יידיש)

" א טעפּעלע"|קטוו, בערנפעלד|.

2125 % יעדעס הייפעלא פינד זיי דעקעלא"

|קטוו 53|.

(?נ?) ה יי פ ר ע ס - <u>דער, =ן</u>. מאשין צו פרעסן היי.

|<u>סטוטש 251</u>|.

ה יי צ א ו י וו ן - דער, =ם, פּקפּ הייצאייוועלע.

אויוון, וואס מע הייצט צו וואַרעמען א שטוב.

(צום אונטערשיידן פון א באַקאויוון.

% דער הייצאויוון פון קאַפּליעס באוואַרעמט עטלעכע צימערן.

1865 " דער הייצאויוון איז געווײנלעך צעפאַרן, און די

2135 תלמידים מוזן מיט זייערע איידעלע הענטלעך קלעבן מיט ליים

די שפּאַרונעס".

פער 177, נ׳ 32, ז׳ 495.

... " ... |...| האט זי אריינגעשטעלט א טעפל וואסער אין

2174 הייצאייוועלע צווישן דער פריסיק אנצווואַרעמען".

ווייסענבערג, דערצ "חנהלע".

ה יי ץ = א פ א ר א ט - דער, =ן.

1. אפאראט צום הייצן אדער צום ווארעמען.

2. קאלאריפער |פינקעל|.

ה יי צ ב ר י ס - דער, =ן. | נש, פינקעל |.

א טשוהון=רעשאטקע (גראטעס) אין הינטערשטן טייל פון אן אויוון, דינט דורכצולאזן דעם לופטצוג, ס'זאל גוט ברענען.

1932 " ס'איז באוווסט יעדן גיסער, אז פאר דאמף=צילינדערס

2176 און פאר הייצבריסן |...| דארף מען האבן טשוהון |...|".

פרומין, 1, 4.

(?ב?) ה יי ץ = ג ו י |גאי| - דער, =ים |גאים|. (עלט)

א גוי וואס פלעגט קומען שבת איינהייצן דעם אויוון אין ייִדישע הייזער.

1867 " זיי |די קלויזניקעס, בטלנים| גייען איצט ווייניק

2178 נאקעט און בארוועס, אז זיי דארפן נאר אנקומען צום הייץ=גוי איין מאל |...| איך וואך".

פער 177, נ' 13, ז' 101.

(?נ?) הייץ = גוריע |גאיע| – די, =ות |גאיעס|. (עלט)

קריסטלעכע פרוי וואס פלעגט אריינקומען שבת איינהייצן

דעם אויוון אין יידישע הייזער.

1881 " גאנצע טעג דעדט ער ניט א ווארט יידיש, און אז ער

2180 ווערט עלטער, קען ער ניט רעכט ריידן קיין ווארט יידיש,

ערגער פון דער הייץ=גויע".

פער 74, 5, ז' 86.

ה יי צ ג ר א ט ע - די, =ס. דזוו הייצבריס |פינקעל|.

ה יי צ ה אָ ל ץ – דאס, בא. שטיקער האלץ צום הייצן
(צום אונטערשיידן פון בויהאלץ).

1972 " זיינען מיר ארויס מיט הייצהעלצער און אזוי לאנג
2183 געקלאפט, ביז זיי האבן זיך אויסגעניכטערט און זיך צעלאפן".

צאנין, 3, 17.

ה יי צ וו א ר ג – דאס, בא. (זאמל=נאמען). מאטעריאל וואס
דינט צום הייצן (האלץ, שטיינקוילן, פעטראל א"א).

% קוילן איז א ביליק הייצוואַרג. באַזאָרגן די עלעקטראָסיטאַציע
מיט הייצוואַרג.

1932 " אין דעם פאל דארף מען שוין ניט האבן קיין
2151 גרויסן הארץ, ס'זאל זיך צונויפנעמען דער טשוהון,
און דערפאר גייט אוועק ווייניקער הייצוואַרג".
פרומין, 1, 22.

ה יי צ ו ע ר ט – דער, בא.(טערט) די פעיקייט צו
שאפן ווארעמקייט. |פינקעל|.

% שטיינקוילן האבן א גרעסערן הייצווערט פון האלץ.

ה יי צ ו נ ג - די, בא.

1. אקט אדער רעזולטאט פון הייצן.

% די הייצונג האט געדויערט עטלעכע שעה.

2. (עלט?) דזוו הייצווארג.

1888 " איך וועל מארגן אי"ה פאר דעם געלט קויפן אין מארק
2161 הייצונג אויף חלה=באקן".
בן=עמי, 1, 209.

1907 " אזוי צופרידן איז ער שוין געווען דערמיט, וואס ער
2163 האט זיך מיט א סך הייצונג פארגרייט |...|".
בערגעלסאן, ציט, 17, 48.

3. (נש) קאלאריפער ( א באטעריע פון רערן, וואס ווארעמען).

1948 " פון אלע מינים באהייצונגען איז אמגעזונסטסטן
2171 די צענטראלע באהייצונג. |...| כדי די לופט אין צימער זאל
ניט זיין צו טרוקן דארף מען ארויסשטעלן אויפן הייצער א
טעפל מיט וואסער צום פארען.
פער 152, נ' 2.

ה יי ץ = מ א ט ע ר י א ל - דער, =ן. דזוו הייצווארג.

% אבגרייטן הייץ=מאטעריאל אויף ווינטער.

1932 " חוץ די אנגעווייזינע אומשטענדן, ווירקט נאך |...|
2188 |...| די קוואליטעט פונעם הייץ=מאטעריאל אויף".

פרומין, 1, 11.

1968 " דער קאמיטעט האט באזארגט די ארעמע יידן מיט
2192 הייץ=מאטעריאל, מיט קארטאפל".

י. זלאטקאווסקי, יזב 2, 697.

ה י י צ ן - טרוו.

1. אנצינדן און אונטערהאלטן א פייער, ברענענדיק האלץ, קוילן, גאז א"ע אין אן אויוון אדער אין אן אנדער איינריכטונג.

% הייצן די הרובע אין שטוב. מע האט געהייצט דעם אויוון צו באקן חלה. הייצן דעם קעסל צו ווארעמען וואסער.

1895 " אז מע האקט אוים דעם וואלד, |...| מוזן זיי |די פויערים| זיך קויפן האלץ צום בויען און צום הייצן". פרץ, 17, 140.

1935 " א ברענענדיקער פראסט האט זיך געשטעלט, |...| כאטש די אויוונס זענען אומעטום געווען געהייצט, האבן די קליינע קינדער אין די וועגן געוויינט פון קעלט". באשעוויס, 1, 97. קאנק

1951 "ער, אורי, זאגט נביאות, אז דער גמרא=בחור וועט
2144 נאך הייצן די הרובעס אין דער פרעמד |...|".
שניאור, 7, 148.

2. ווארעמען א געוויס ארט (א בנין, א דירה, מאגאזין אד"גל), אנהאלטנדיק דאס ברענען אן אויוון, דורך צענטראלער באהייצונג א"ע.

% די דירה הייצט מען נאר עטלעכע שעה אין טאג.
די באד פלעגט מען הייצן נאר פרייטיק. דער טעאטער=זאל איז ניט געהייצט.

1890 "דא דערציילט מען, אז מע הייצט אין באד, הייבט מיך אן בייסן דאס גאנצע לייב".
פרץ, 17, 48.

1948 " קינדער האבן זיך איר אוועקגעלייגט |קראנק|,

קאנק ווייל די שטוב איז שלעכט געהייצט און די דערנערונג א נישטיקע".

נסתר, 6, 322.

<u>ער מעג/דארף ביי יענעם די הרובע/דעם אויוון הייצן</u> –

ער קאן (ער דארף) זיך ביי יענעם א סך לערנען, יענער

ווייסט (קען) א סך מער.

|1926-1931| " אונדזערע חסידים מעגן ביי אייך, אמעריקאנער,

2138 די אויוונס הייצן".

אפאטאשו, 15, 60.

1951 " ס'האט נאך ניט פאסירט, אוריס מיזיניק זאל ניט

2145 טרעפן אין פינטל. |...| נמרוד פון חומש וואלט ביי

ירחמיאלקען <u>געמאזט הייצן די הרובעס</u>".

שניאור, 7, 87.

שרר:

ער דארף ביי אים די פעטשערעס הייצן - דזוו דפוו.

אז מע הייצט אין באד, ווערט ווארעם אין (דער גאנצער) שטאט.

ם

.1 <----

1711 " דאש איז דער היישר טאג, דער יום הדין דער
דא ברענט אז איין גיהייצטר אובין אבצושיידן דיא נשמה
פון גוף".
נחלת צבי, דף כ"ח.

.2 <----

1595 " די גבאים זולן זעהן אויף דיא בעדיר, דז זיא
איין ב שבועות ג פעמים דאז מרחץ זולין הייצין". 2146
קראקעווער קהילה תקנות.

ה יי צ ע כ ץ - <u>דאס, בא.</u> (<u>שש</u>) <u>דזוו</u> <u>הייצווארג</u>

(ס׳רוב וועגן האלץ).

% מ׳האט געקויפט ביים פויער א וואגן <u>הייצעכץ</u>.

<u>ה יי צ ע ר - דער, =ס.</u>

1. דער וואס הייצט.

2. (<u>ספעצ</u>) איינער וואס זיין באשעפטיקונג איז צו באדינען
א הייצונג=אינסטאלאציע, א דאמפ קעסל וכדומה.

% דער <u>הייצער</u> פון לאקאמאטייו.

1911 " גיי, גיי, - האט לייב געזאגט צום קעסל=<u>הייצער</u>, -
כ'וועל דיך אניאגן".

<u>י. פאליקמאן, פער 131, נ' 3, ז' 36.</u>

1927 " ער האט שוין געארבעט אין דייטשי קוילן=גרובן
|...| געוועז א הייצער אויף גרויסע דעמפשיפן |...|". 2172

<u>זינגער, 4, 333.</u>

1940 " די הייצערס ביי די קעסלען האבן זיך ארויסגעשלאגן
פון די כוחות |...|". 2166

<u>בערגעלסאן, 14, 468.</u>

ה יי צ ע ר ק ע - די, ש=.

1. די וואס הייצט.

2. (נש) דאס ארט וו, מע לייגט אריין דאס הייצווארג
צום ברענען (אין א לאקאמאטיוו, למשל).

1936 " ניטא קיין טארף? - // אין הייצערקע די פונקען //
2173 קענען זיך אין אנמאכט ניט געפינען".
כאריק, 3, 178.

ה יי צ ק א נ א ל - דער, =ן. (טערט) דער קאנאל אין אן אויוון, וואס פירט ארויס דעם רויך |פינקעל|.

|רעד: פינקעל טייטשט עס פון רוסישן|
|---|

ה–

הייצקעסל – דער, =ען. דער קעסל, ווו ס'ברענט דער הייץ=מאטעריאל(למשל, אין א לאקאמאטיוו).

% דער הייצער ווארפט ארײַן קוילן אין הייצקעסל פון לאקאמאטיוו.

1954 " די קערפערס פון די געשטארבענע |...| האט מען פארברענט אין הייצקעסל פון דער מאנופאקטור=פאבריק |...|".

ש. קאטשערגינסקי, יזב 10, 316.

ה יי צ ש ט א ף – דער, =ן. דזוו הייצוואַרג.

1932 " דאס איינשטעלן די צווייטע ריי פורעמס איז דער

2200 עיקר צוליב דעם, כדי צו פארבעסערן דאס פארברענען

דעם הייצשטאף |...|".

פרומין, 1, 17.

ה נ ׳ ק  - אדי. (שנש) פון הי, היג(ע), פון דאנען.

1939 " מחנות נאסע ווינטן גאלאפירן אויף דער ערד// און קריצן איין אין בליצן איין חלומות ניט קיין הנ׳קע". 39

סוצקעווער, 3, 102.

1953 " איך ווער פון טאג צו טאג אלץ ווייניק הנ׳קער...// ווי אזוי האב איך גלייבן דעו געקענט, אז ׳ה׳ איז וואס?".

י. פרידמאן, 1, 102.

רעד: קאנטראלירן די ציטאטע! קאן זיין אז מע דארף דאס ווארט לייענען"ה׳ (א)יקער" פון ווארט איניציאל) ה׳ = גאט.

510 ה־

ה יי ק אַ ט אַ ר - דער, באַ. דזוו הייפּיבער.

1930 " אַיינער פון די סאַמע פֿאַרשפּרייטסטע מיגים פון

58 איסיאָסינקראַזיע איז דער אזוי גערופענער הייקאטאַר".

פער 151, נ׳ 6.

(?נ?) ה יי = ק אָ ס י ל ק ע - די, =ס. לאַנדווירטשאפט=מאַשין

צום אַראָפּנעמען (קאסען) היי |סטוטש 251|.

ה יי ק אָ ס ע ר - <u>דער, =ס.</u> דער וואס קאסעט (שניידט אפ) דאס היי.

ה–



ה<u>י</u>יקע <u>I</u> – <u>די, =ס.</u> (<u>טעכט</u>) מעכאנישער דעטאל פון פארשיידענער פארעם מיט אן עפענונג, וואס האט א ספיראלן איינשניט צו קענען ארויפטאן אויף א שרויף; מוטערקע.

% ארײַנשרויפן דעם שרויף אין דער <u>הייקע</u>, פארפעסטיקן די <u>הייקע</u> צום באלט.

1943 " ער ליגט און שרויפט א <u>הייקע</u>".

2210 <u>באריישא, 3, 394.</u>

1965 " מע האט דורכגעקוקט די זיפן, |...| מע האט דורכגעקוקט די זיפן, אונטערגעצויגן, מע דארף, א <u>הייקע</u>".

2211

<u>נאטע לוריע, 5, 164.</u>

ה<u>י</u>יקע II - די, בא.

1. דאס הייען (זיך), פארזוימען זיך, פארהאלטן זיך,דאס מאכן שהיות, פארלירן צייט.

1883 " ער |דער דאמפער| גייט אפילו גאנץ גיך, אן א הייקע, דעריבער רופט מען אים ׳טשייקע׳". 2209

פער 74, נ׳ 13, ז׳ 195.

2. (עלט) איבערשלאג (איבעררייס) |ליפשיץ 1|.

2212 (?נ?) ה יי ק ע ל ע ך ה א ב ן - "זיין אנציענד" |קטור|.

<u>רעד</u>: ניט קלאר דער מיין!

(?נ?) ם |הייר| ה יי ר -| דער חייל, מיליטער, ארמיי.

1544 " דא וואלטן עש דיא היידן דען ווענינגן מאן.//

2214/1 מיט אירם גרושן היר אי גיווינן אן // אויף דוד ווארדן

זיא דרינגן גאר איין גרושיא שאר |...|".

שמואל=בוך, סטר" 438.

ה יי ר א ט - די, =ן. (דטשמ) חתונה=פארבינדונג צווישן א מאן און א פרוי.

% גליקלעכע הייראט. צעשטערטע הייראט.|מה"ד:

1929 " לענץ גיט אן אין זיין ארבעט פון יאר 1923,אז

2216 ווען א וועלכער ס׳איז אפטרעטנדער שטריק הזרט זיך אפט איבער, דארף מען אויסמיידן קרובישע הייראטן".

פער 72.

ה יי ר א ט ן - אוטוו/ טרוו, פאר געהייראט. (דטשמ)

חתונה האבן.

% הייראטן עמעצן (אקוז) . הייראטן מיט עמעצן.

מה"ד

... " וואס טויג מיר די פאלשע ליבע פירן,// אז הייראטן

קען איך ניט מיט דיר". 2229

(פל)

1865 " איך וואלט געוויס דאס מעדכען |...| איך וואלט |=מיידל|

געהייראט, דען איר הארץ און פרומקייט איבערשטייגט אלע 2226

רייכטימער פון דער וועלט".

רוף, 1, 39.

1910 " ווען דייוויד האט געהייראט/ האט העגרי אריינגעמופט

|=אריינגעקליבן זיך| צו אים". 2235

זאלאטארעווסקי, 2, 3.

519   ה–

1964   " די גייסטע אנשרעקעניש איז אסימילאציע דורך

2224 געמישטער הייראט; מע האט אנגעכאפט א צאל, און ניט

אריינגייענדיק ווי און וואס עס באטייט".

ב.צ. ג|אלדבערג|, פער 69, 14/V.

(?נ?) ה יי ר י ס ט י ק - די, בא. לערע, מעטאדישע אנווייזונג ווי צו קומען צו נייער דערקענטעניש.

............................................................

רעד: אפשר פארט אויסלייגן העוריסטיק, העוריסטיש, העורעקא?

............................................................

(?ב?) ה יי ר י ס ט י ש - <u>אדי/אדוו</u>. שייכדיק צו הייריסטיק.

(?נ?) ה יי ר ע ק א ! - אינטעריעקציע. איך האב געפונען (אנטדעקט)!

(מע שרייבט צו דעם אויסרוף דעם גריכישן מאטעמאטישן

ארכימעדעס, ביים אויסגעפינען דעם הידראסטאטישן גרונטגעזעץ).

הײשטאַנג – דער, ־ען. לאַנגער דראָנג, װאָס מע לײגט אַרױף אױף דעם אָנגעפּילטן װאָגן מיט הײ, כּדי אים צוצופּרעסן און דאָס הײ זאָל זיך ניט צעשיטן בײם פֿירן (דער דראָנג װערט פֿון בײדע עקן זײַנע צוגעבונדן מיט אַ גראָבן שטריק צום אונטערשטן טײל פֿון װאָגן).

ה יי = ש ט ע ק ע ל ע - דאס, =ך. בנב.

1950 " ׳חבילה׳ מיינט מען דא א גרויסן בונט, וואס
האט פינף און צוואנציק היי=שטעקלעך|...|".
איבז פיעטרושקא, מסכת ערלה, ג, ג, ו׳|?|.

ה יי ש ײַ ע ר - דער, =ן. א באזונדער בנין אין אן

אגראר= ווירטשאפט צום שפייכלען אויף ווינטער דאס

אפגעשניטענע און אויסגעטריקנטע היי.

ה יי ש נ י ט - דער, בא.

1. די ארבעט ביים שניידן, קאסען דאס היי.

1936 " אפילו די, וואס זענען שוין |...| געווען אויף

הײשניט האבן אויך ניט אלע געוווּסט די קונסט פון 69

אההאקן און פארזעצן א קאסע, אזוי אז דער שפּיץ

זאל ניט גיין אין דער ערד ארײן און די קאסע זאל

זינגען אין די הענט".

גאלדשטיין, 1, 21.

1948 " |...| נאך ביים הײשניט פארעט זיך דער פויער|...|".

מארקיש, 9, 24. 68

2. דער רעזולטאט פון אראפנעמען דאס היי, דאס אראפגעשניטענע היי.

% דער הײשניט היינטיקס יאר איז א געראטענער, ס'וועט

קלעקן היי אויפן גאנצן ווינטער.

1947 " |...| צום סוף מיט געוואלד אים |דעם געשטאַנק|

70 פארביסן אויף שטענדיק// אויף ריח פון הײַשניט

און פרישן פרימארגן".

סוצקעווער, 3, 447.

ה יי = ש נ יי ד מ א ש י ן - די, =עס/=ען. מאשין

צום אראפנעמען דאס היי פון דער לאנקע.

ה יי ש נ יי ד ע ר - דער, =ס. דער וואס שניידט/קאסעט

דאס היי |סטוטש 251|.

היישעריק - דער, =ן. אינסעקט (ווסנ

לעבט אין די סטעפּישע געגנטן פון דרום און מזרח=אייראָפּע, אין אַפריקע און אַזיע; געווייגטלעך וואַנדערן זיי מאַסנווייז, אַזוי ווי כמאַרעס, און פרעסן אויף אַלץ וואָס וואַקסט אויף זייער וואַנדערוועג, ברענגענדיק גרויס שאָדן דער לאַנדווירטשאַפט (ס'רוב געניצט אין א"צ געמיינט דערביי די מאַסע היישעריקן).

% דער היישעריק האָט אומפגעפרעסן די גאַנצע תבואה פון די פעלדער. אַ כמאַרע פון היישעריקן האָט פאַרדעקט דעם הימל.

1819 " |...| און דער היישרוג וועט זיך איבער הייבן |...|".

2258 איבז לעפין=סאַטאַנאָווער, קהלת, יב - 5.

1927 "און ווי דער היישעריק פעלדער פרעסט |...|".

2256 מ.ל. האַלפּערן, 1, 97.

1960 " |...| דער היישעריק, וואס איז אנגעפלויגן אין מצרים

2247 נאך דעם האגל".

<u>באשעוויס, פער 155, 2/XII.</u>

□ <u>ווי א היישעריק/ ווי די היישעריקן</u> (אנפאלן, באפאלן,

אנפליען, זיך אראפלאזן <u>אד"גל</u>) – מאסנווייז, א סך מיט

א מאל; זשעדנע, שטארק הונגעריק.

|1878| " זיינען די אלע ווייבער <u>ווי די היישעריקן איבערגעפאלן</u>

2269/1 דעם וואגן |...|".

<u>מענדעלע, 16א, 21.</u>

1930 " <u>ווי א</u> שווארצער <u>היישעריק</u> פילן זיי אן יעדן פרייען

2252 פלאץ און זשומען |...| טאג ווי נאכט".

<u>איינהארן, 7, 110.</u>

1947 " ווי גלייקער היישעריק |...| באפאלט ער |...|".

סוצקעווער, 3, 477.

א קינד א היישעריק – וועגן א קינד א מזיק, א גרויסן שטיפער.

א היישעריק וועט זיך מיט אים ניט פרייען – וועגן עמעצן

מיט א צו גרויסן אפעטיט.

היישרעק/הושרעק. ם

... " הצלצל -דהושרעקן, מין ארבה".

2266 רייכלין 8, דברים, בח- מב.

1626 " איך בין ווארן אום גישטערצט אונ' פר וואגלט אז

2255 איין היישרעק דער קיין נעסט האט".

ס' המגיד, ו, תהילים, גט - כג.

1713 " זעלטן דיא מענשן ווישן דען עסק פון דיא היישרעקן

2271 |...| די זעלבע גראבן מיט אירה פיס לעכער אין דער

הערד אונד ליגן אירה אייער איניין |...|".

אגרת בעלי חיים.

ה־

533

(?נ?) ה יי ש ע ר י ק וו אַ ר ג – דאָס, בא. (שנש) א מאַטע הײשעריקן.

1970 " ווי הײשעריקוואַרג אַזוי פאַרשווינדן מיר פון דער וועלט",

2279 אהרן צײטלין, 6, 156.

ה יי ש ע ר י ק = ר א ק  –  דער; = עס. זגאל פון קראקעס

.|247 סטוטש|